STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 03930

UNDZERE HELDN UN FIRER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טשאַרלס רוטענבערג.

טאָם מוני.

סטיוו קאַטאַוועס.

קלאַראַ צעטקין.

פּי מאַלי מעגווייערס.

נומער 1

אונזערע העלדן און פירער

ווער איז געווען

טשארלס רוטנבערג

דער גרינדער פון דער אַמעריקאַנער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי

פון

י. א. ראָנטש

פ אַ ר ל אַ ג
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק

Copyrighted by
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Ave., New York, N. Y.
1 9 3 5

1. אַן עמעסער העלד פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע

אין יעדער שטאָט און שטעטל בײַ אונדז אין לאַנד געפינען מיר שײנע מאָנומענטן, וואָס זײַנען געשטעלט געוואָרן צו העלדן פון דער לעצטער מיל־כאָמע, אָדער פון פריערדיקע מילכאָמעס. די העלדן זײַנען געוויינלעך גענע־ראַלן, וואָס זיצן אויף שטאָלצע פערד און האַלטן בלויזע שווערדן אין די הענט.

ווען מיר זאָלן אַ טראַכט טאָן אין וואָס באַשטייט די העלדישקייט פון די גענעראַלן, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז זיי האָבן געהאָלפן פאַרגיסן מענטשלעך בלוט, בלוט פון יונגע אַרבעטער און פאַרמערס. אין אַלע מיל־כאָמעס זײַנען די רײַכע, די גענעראַלן און די אָפיצירן, די וואָס הייסן די סאָלדאַטן גיין אין פײַער אַרײַן און אַליין האַלטן זיי זיך פון הינטן און בלײַבן לעבן. נאָכדעם, ווען די מילכאָמע ענדיקט זיך, קומען זיי אַהיים און באַרימען זיך מיט זייער „העלדישקייט"...

די מילכאָמעס ווערן געפירט פון די רײַכע און פאַר די רײַכע. מע קריגט זיך צוליב רויב, מע וויל דערשטיקן דעם שוואַכערן. די אַרבעטער פאַרלירן זייערע לעבנס, די מאַמעס — זייערע קינדער, נאָר זיי געווינען גאָר־ניט פון דער מילכאָמע, מעג זייער לאַנד האָבן געוואונען. מיינען מיינט דאָס אַז די קאַפּיטאַליסטן פון לאַנד האָבן געוואונען, זיי וועלן נאָך רײַכער ווערן, די מאַסן וועלן אָרעמער ווערן.

דערפאַר פאַרשטייען מיר, אַז די גענעראַלן אויף די שטאָלצע פערד, וואָס מיר זעען אויף די מאָנומענטן, זײַנען פאַר אונדז אין דער עמעסן ניט קיין העלדן, נאָר בלוטיקע סאָנים אונדזערע. אַן עמעסער העלד איז דער וואָס האָט געוואָלט פאַרהיטן, אַז דאָס אַרבעטער־בלוט זאָל זיך ניט גיסן אומזיסט, וואָס האָט אויפגעקלערט דעם אַרבעטער, אַז ער זאָל זיך ניט לאָזן פאַרנאַרן מיט קיין זיסע רייד, מיט שיינע מונדירן און רוישיקער מוזיק, צו גיין אין מילכאָמע אַרײַן פאַר די רויבער.

האָבן מיר אַזעלכע העלדן בײַ אונדז אין לאַנד? איר האָט זיכער גע־הערט, וואָס לענין האָט אויפגעטאָן פאַר די רוסישע אַרבעטער. ער האָט זיי געהייסן אָפּשטעלן הארגענען זייערע ברידער, די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער. ער האָט זיי געוויזן קעגן וועמען מע דאַרף יאָ מילכאָמע האַלטן. די רוסישע אַרבעטער האָבן אים געפאָלגט, באַפרײַט זיך פון דער הערשאַפט

פון דעם מערדערישן צאַר, די רויבערישע קאַפּיטאַליסטן און די פאַלשע פּריינט זייערע — די „הייליקע" רעליגיעס.

איר האָט אויך זיכער געהערט פון די דייטשע העלדן, ווייל זיי האָבן די אַרבעטער געוויזן דעם עמעס און געהייסן זיי ניט גיין אין מילכאָמע אַריין פאַר די פּאַראַזיטן, נאָר טאָן אין דייטשלאַנד דאָס, וואָס די אַרבעטער האָבן געטאָן אין רוסלאַנד.

באַ אונז, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן מיר אויך אַזעלכע עמעסע העלדן, וואָס זיינען די לערער און פריינט פון די אַרבעטער. געוויס וועט מען אייך אין די פּאָבליק סקולס ניט דערציילן וועגן זיי, ווייל אייערע לערער מוזן אייך לערנען דאָס וואָס די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג הייסט. און ווייל די רייכע גרייטן זיך ווידער צו אַ נייער מילכאָמע, איז נאַטירלעך, אַז מע זאָל אין די סקול קינדער איינפּלאַנצן דעם „פּאַטריאָטישן" גייסט צו זייער לאַנד — צום לאַנד וואָס באַלאַנגט צו די רייכע און וואָס איז געוואָרן רייך פון אַרבעטער הענט און מי.

יעדעס אַרבעטער קינד דאַרף וויסן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע איז די פּאַרטיי, וואָס דינט די אינטערעסן פון די אָרימע און פאַר־שקלאַפּטע. זי לאָזט ניט, אַז די קאַפּיטאַליסטן זאָלן ווידער פאַרנאַרן די אַר־בעטער אין אַ בלוטיקער מילכאָמע.

דער גרינדער פון דער פּאַרטיי באַ אונז אין לאַנד און דער עמעסער העלד קעגן מילכאָמע איז געווען — טשאַרלס ע. רוטענבערג. וועגן אים וועט דער־ציילט ווערן ווייטער אין דעם ביכל.

2. רוטענבערג, אָהייאָ

פון קליוולאַנד, אָהייאָ האָבן מיר אַלע געהערט, נאָר ניט פון רוטענבערג, אָהייאָ. ס'איז טאַקע דערווייל ניטאָ קיין רוטענבערג, אָהייאָ, נאָר אין דעם יאָר 1919 האָבן די קאַפּיטאַליסטן מוירע געהאַט, אַז קליוולאַנד זאָל ווערן רוטענבערג, דאָס הייסט, אַז די אַרבעטער זאָלן בייטן דעם נאָמען פון דער שטאָט. פאַרוואָס? ווייל רוטענבערג איז דאַן געווען אַזוי באַליבט באַ אַלע אַרבעטער פון קליוולאַנד און איבערן גאַנצן לאַנד. און וואָס מער די אַר־בעטער האָבן אים ליב געהאַט, אַלץ מער האָבן אים די קאַפּיטאַליסטן געהאַסט, און ער זיי — נאָך מער.

ווי קומט רוטענבערג קיין קליוולאַנד? ער איז דאָרט געבאָרן געוואָרן דעם 9טן יולי, 1882. מיר ווייסן ווינציק וועגן זיינע קינדער־יאָרן. ער איז שטענדיק געווען צו פאַרנומען צו רעדן וועגן זיין אייגן לעבן. זיין פאָטער

איז געווען אַ האַפן־אַרבעטער, געקומען אַהער פון דייטשלאַנד. דער זון, טשאַרלס, האָט געוואוסט וואָס אָרעמקייט מיינט פון זיינע יונגע יאָרן אָן, ווייל ער האָט געדאַרפט גיין אַרבעטן און פאַרדינען זיין ברויט. טשאַרלס האָט געאַרבעט און זיך געלערנט אין דערזעלבער צייט. ער איז געווען אַ פאַבריק־אַרבעטער, אַ קלוירק, אַ צייטונג־קאָרעספּאָנדענט און ער איז געווען דער הויפּט פון אַ קאָרעספּאָנדענץ־דעפּאַרטמענט פון אַ גרויסער פאַבריק אין קליוולאַנד.

אין שאַפּ, אין פאַבריק, אין אָפיס האָט רוטענבערג דערזען דעם עמעס וועגן אַרבעטער לעבן. ער האָט ניט געטראַכט צו אַנטלויפן פון די אַרבעטער און ווערן איינער פון רייכן קלאַס און לעבן אין פאַרגעניגן. ניין. ער באַלאַנגט צו די אַרבעטער. זיין פאָטער האָט באַלאַנגט צו די אַרבעטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די צוקונפט פון דער וועלט געהערט צו די וואָס בויען און שאַפן אַלץ — די אַרבעטער.

עמעס, דעם אַרבעטער לעבט זיך זייער שלעכט. ער איז פאַרשקלאַפט צו אַ באַנדע רייכע פאַראַזיטן, וואָס האָבן אין זייערע הענט די רעגירונג מיט דער פּאָליציי. וואָס־זשע דאַרף מען טאָן? עס איז קלאָר געווען באַ רוטענבערגן, אַז מע דאַרף העלפן דעם אַרבעטער זיך באַפרייען פון די רויבער, וואָס זיצן אַף זיין קאַרק. ווי אַזוי? מע דאַרף זיך אָרגאַניזירן. איינער איז קיינער. ווען אַלע אַרבעטער זאָלן פאַרשטיין די וויכטיקייט פון קעמפן צוזאַמען קעגן זעלביקן סוינע, דאַן וועט אַמעריקע באַלאַנגען צו די וואָס האָבן זי אויפגעבויט און וואָס בויען זי יעדן טאָג, — די פּראָלעטאַריער.

רוטענבערג ווערט אַן אָרגאַניזאַטאָר פון די אַרבעטער. ער נעמט אַנטייל אין סטרייקס פאַר בעסערע באַדינגונגען. ער פירט סטרייקס פאַר מער סכירעס, פאַר סאַניטאַרישע שעפּער, קעגן קינדער־פאַרשקלאַפונג, פאַר קירצערע שטונדן. די אַרבעטער דערזעען אין אים אַן עמעסן פריינט.

אין 1909 ווערט רוטענבערג אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אין יענער צייט געווען די פּאַרטיי פון די אַרבעטער. מע דערזעט גלייך, אַז ער איז אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, אַן איבערגעבענער טוער און אַז ער איז באַליבט באַ די מאַסן פון זיין שטאָט, קליוולאַנד.

אין אַ יאָר אַרום, אין 1910, נאָמינירט אים די פּאַרטיי פאַר סטייט־טרעזשורער פון אָהייאָ. ער פאָרט אַרום איבער דער שטאָט און רעדט צו טויזנטער אַרבעטער וועגן זייערע אינטערעסן.

אין 1911 איז רוטענבערג דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון קליוולאַנד. ער ווערט אַזוי באַליבט באַ די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, אַז זיי נאָמינירן אים פאַר גאָווערנאָר־קאַנדידאַט אין 1912. אין יענעם יאָר

ווערט רוטענבערג דער רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג „קליוו־לענד סאָשעליסט". ער פאַרשטייט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען פאַר־סאַמען די מויכעס פון די אַרבעטער און דערפאַר איז דורכוים נויטיק, אַז די אַרבעטער זאָלן האָבן און לעזן אייגענע צייטונגען, וואָס זאָלן פאַר זיי קעמפן.

אַ דאַנק רוטענבערג'ס פייאיקייטן ווערט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי לאָקאַל אין קליוולאַנד איינער פון די בעסטע איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קעדיי די אַרבעטער זאָלן דערזען, אַז די פּאַרטיי איז זייער פריינט, איז נויטיק זיך אָפּצוגעבן מיט די לאָקאַלע אישוס, מיט דעם וואָס די אַרבעטער פאָדערן אין שטאָט. דאָס האָט רוטענבערג געטאָן. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר זיי, געקעמפט צוזאַמען מיט זיי פאַר די באַלדיקע אינטערעסן.

אין 1913 ווערט ער דער סעקרעטאַר און שטאָט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין קליוולאַנד. ער איז אויך דער קאַנדידאַט צום סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין 1915 איז ער ווידער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר און אין 1916 — אַ קאַנדידאַט פאַרן קאָנגרעס.

און אָט קומט אָן דאָס יאָר 1917. דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן.

3. אַמעריקע טרעט אַריין אין דער מילכאָמע

אין אַפּריל 1917 האָט פּרעזידענט ווילסאָן דערקלערט מילכאָמע קעגן דייטשלאַנד. האָבן די אַמעריקאַנער אַרבעטער אים געהייסן דערקלערן מיל־כאָמע? ניין, פּונקט פאַרקערט. ער איז דערוויילט געוואָרן, ווייל ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַמעריקע אויסהיטן פון דער מילכאָמע.

די אַרבעטער האָבן דאַן געקענט אָפּשטעלן די מילכאָמע, נאָר זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרנאַרן פון זייערע פאַלשע, פאַרקויפטע פירער, ווי די פירער פון דער „אַמעריקען פעדעריישן אָף לייבאָר", וועלכע דינען מער די אינטערעסן פון די באָסעס, ווי די אַרבעטער.

וואָס האָט די מילכאָמע אויפגעטאָן פאַר די אַרבעטער אין אַמעריקע? אויף די פעלדער פון פראַנקרייך זיינען געבליבן איבער הונדערט טויזנט טויטע אַמעריקאַנער אינגלעך. אהיים געקומען זיינען טויזנטער סאָלדאַטן פאַר־קריפּלטע אויפן גאַנצן לעבן: מיט אָפּגעהאַקטע פיס און הענט, געגעזט, מע־שוגע געוואָרענע; צעבראָכענע לעבנס אויף שטענדיק. די וואָס זיינען געווען גליקלעך און זיינען צוריקגעקומען מיט גאַנצע ביינער, האָבן אויסגעפונען, אַז זיי האָבן מער קיין דזשאַבס נים.

די באַלעבאַטים האָבן, אונטערן געשריי פון פּאַטריאָטיזם, נאָך מער פאַרשקלאַפט די אַרבעטער, געשניטן סכירעס, צעשטערט יוניאָנס, אַריינגעזעצט אין טורמע יעדן איינעם וואָס האָט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט קעגן זייערע פּירונגען. מע האָט די אַרבעטער אַפילו ניט געלאָזט סטרייקן. אין 1917 זיינען איבערן לאַנד פאָרגעקומען 4324 סטרייקס און אין אַ יאָר אַרום בלויז 1515.

פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די אַרבעטער האָבן די רייכע אָנגעשעפּט פּראָפיט. פון דער מילכאָמע זיינען צוגעקומען צוואַנציק טויזנט נייע מיליאָנערן אין אַמעריקע. אָט ווער עס האָט געוואונען פון דער לעצטער מילכאָמע.

אין אַפּריל 1917 איז אין סט. לואיס פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. טשאַרלס רוטענבערג האָט שטאַרק געקעמפט דערפאַר, עס זאָל אָנגענומען ווערן אַ רעזאָלוציע, אַז די פּאַרטיי איז קעגן אַ מילכאָמע וואָס ווערט געפירט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פאַר זיינע אייגענע צוועקן, און אַז דער אַרבעטער קלאַס אַנערקענט בלויז די מילכאָמע, וואָס וועט געפירט ווערן פון דעם פּראָלעטאַריאַט קעגן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

אַ סאַך פון די סאָציאַליסטישע פירער האָבן אָבער באַלד פאַראַטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און זיי האָבן געהאָלפן די קאַפּיטאַליסטן אַריינגאַרן די אַרבעטער אין דער בלוטיקער מילכאָמע.

ניט אַזוי האָט אָבער געטאָן טשאַרלס רוטענבערג. ער האָט מיט אַלע קויכעס געאַרבעט קעגן מילכאָמע, קעגן פאַרגיסן אַרבעטער־בלוט. דערפאַר איז ער אַרעסטירט געוואָרן און אַריינגעזעצט געוואָרן אויף אַ יאָר טורמע אין קענטאָן, אָהייאָ. ווען מע האָט אים געמישפּעט, האָט ער אין געריכט געהאַלטן אַ רעדע, און באַוויזן, אַז ניט ער דאַרף געמישפּעט ווערן, נאָר דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, וואָס מאַכט מילכאָמעס. ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז ניט קיין מילכאָמע פאַר פרייהייט. דאָס איז ניט קיין מילכאָמע פאַר פּרינציפּן. דאָס איז אַ מילכאָמע פאַר פּראָפיטן און רויב פאַרן הערשנדיקן קלאַס.

אין יענעם יאָר איז רוטענבערג געווען דער סאָציאַליסטישער מעיאָר־קאַנדידאַט פון קליוולאַנד און ער האָט געקראָגן 27 טויזנט שטימען פון די הונדערט טויזנט, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַלע פּאַרטייען צוזאַמען. דאָס האָט באַוויזן, ווי פּאָפּולער ער איז געווען און ווי די אַרבעטער זיינען געווען קעגן דער מילכאָמע.

אין קענטאָנער טורמע האָט מען רוטענבערגן געפּייניקט, אַז ער זאָל ווערן אַ „פּאַטריאָט”. איינמאָל האָט מען אים אויסגעשפּרייט אויף אַן אָדלער־

שטייגער, צוגעשמידט די הענט אין דער הויך און אזוי אים געהאַלטן צוויי טעג נאָכאַנאַנד.

יעדעס מאָל ווען דער טורמע־אויפפּאַסער איז פאַרביי־געגאַנגען, האָט ער געפרעגט רוטענבערגן: „רוטענבערג, דו גיסט זיך אונטער?" און יעדעס מאָל האָט רוטענבערג געגעבן דעם זעלבן ענטפער:

„אַ רעוואָלוציאָנער גיט זיך ניט אונטער!!"

4. רוטענבערג — דער גרינדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע

מיר האָבן געזען אין לעצטן קאַפּיטל, אַז אַ סאַך פירער פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי האָבן פאַראַטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און זיי זיינען געווען פאַר מילכאָמע. עס זיינען אָבער אויך געווען עמעסע פירער אין דער פּאַרטיי. די רעוואָלוציאָנערן אין דער פּאַרטיי זיינען געפירט גע־וואָרן פון רוטענבערגן. זיי זיינען געווען אומצופרידן, וואָס די פּאַרטיי בויגט זיך פאַר די קאַפּיטאַליסטן. רוטענבערג האָט דערפאַר געקעמפט אָף צוויי פראָנטן: קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער מילכאָמע און קעגן די צעשטערער פון רעוואָלוציאָנערן גייסט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

צווישן די וואָס האָבן אין יענער צייט געקעמפט קעגן דער מילכאָמע איז אויך געווען דער באַליבטער אַלטער אַרבעטער־קעמפער יודזשין וויקטאָר דעבס. ווייל מע האָט רוטענבערגן געהאַט אַרעסטירט אין קענטאָן, איז דעבס דאַפקע אַהין געקומען און געהאַלטן דאָרט איינע פון זיינע שטאַרקסטע רעדעס קעגן מילכאָמע. און דערפאַר איז ער אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין איינער פון די ערגסטע טורמעס, אין אַטלאַנטאַ, אויף צען יאָר.

די באַוואוסטזיניקע אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן שוין דאַן פאַרשטאַנען, אַז מילכאָמעס קענען אָפּגעשאַפט ווערן בלויז דאַן, ווען מע וועט אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם. די נאָוועמבער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז געווען דער בעסטער ביישפּיל פאַר די אַרבעטער דאָ אין לאַנד ווי אַזוי צו קעמפן און זיגן. נאָר אין דער צייט, ווען די אַרבעטער האָבן זיך דאָ געפרייט מיט יעדן נייעם זיג פון זייערע ברידער אין רוסלאַנד, האָבן אָבער אַ סאַך סאָציאַליס־טישע פירער געקריצט מיט די ציין. זיי האָבן זיך ניט געפרייט מיט דער נאָוועמבער רעוואָלוציע. זיי האָבן געוואָלט, אַז די מילכאָמע זאָל זיך פאַר־ציען.

זיינען די היגע פּאַרטיי מיטגלידער געווען רעוואָלוציאָנער און אַ סאַך פון זייערע פירער — צוריקגעשטאַנען. האָבן די פירער אָנגעהויבן אויס־

שלימן טויזנטער מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ביז עס איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג.

אין סעפּטעמבער 1919 איז געבאָרן געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז די פּאַרטיי, וואָס וועט נאָכפאָלגן די ביישפּילן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד און איינפירן דאָ אַ סאָוועטן־רעגירונג. דאָס איז די פּאַרטיי פון לענין, די פּאַרטיי פון מאַרקס און ענגעלס. דער אָרגאַניזאַטאָר און ערשטער סעקרעטאַר אירער איז געווען טשאַרלס ע. רוטענבערג.

נאָך פּאָר אָט דער גרויסער אַרבעט פאַרן אַמעריקאַנער אַרבעטער קלאַס האָט די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג אים „באַלוינט" מיט צוויי יאָר טורמע אין סינג־סינג. די אַרבעט האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט.

די רעגירונג האָט געדענקט אַז דורך דעם וואָס זי וועט אַריינזעצן די בעסטע זין פון אַרבעטער־קלאַס אין טורמעס, וועט זי אָפּהאַלטן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט. פּאַסירט האָט אָבער פאַרקערט. רוטענבערג האָט געזאָגט: „קאַפּיטאַליזם קען פאַרשפּאַרן מענטשן אין טורמע; מע קאָן אָבער ניט אַריינזעצן די פּאַרטיי אין טורמע."

די רעגירונג האָט דאַן ניט געלאָזט די אַרבעטער אין אַמעריקע פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יאָנטעוו, דעם ערשטן מיי. רוטענבערג האָט באַשלאָסן, אַז דער יאָנטעוו מוז געפייערט ווערן. און מען האָט זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו דער ערשטער מיי פייערונג אין קליוולאַנד, אין 1919. רוטענבערג איז נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעקומען פון דער קענטאָנער טורמע, וואו ער איז געזעסן אַ יאָר צייט. ער האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן די ערשטע מיי דעמאָנסטראַציע.

איבער הונדערט אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס האָבן באַשלאָסן אָנטייל צו נעמען אין פּאַראַד. אַ האַלב מיליאָן קאָפּיעס פון אַנטי מילכאָמע ליטעראַטור איז פאַרשפּרייט געוואָרן. פון פיר טיילן שטאָט האָבן די אַרבעטער געדאַרפט מאַרשירן און זיך צוזאַמענטרעפן אָפן פּאַבליק סקווער. אין יעדער דיוויזיע האָבן מאַרשירט סאָלדאַטן, אָנגעטאָן אין זייערע יוניפאָרמס, הינטער זיי — די יוניאָנס מיט פּלאַקאַטן, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייערע פאָרלאַנגען, נאָך זיי — מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; נאָך זיי די פרויען און קינדער.

איבער 40 טויזנט אַרבעטער האָבן מאַרשירט, אָנגעפירט פון טשאַרלס רוטענבערג, צום פּאַבליק סקווער. די פּאָליציי האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו קאָנטראָלירן דעם גאַסן־פאַרקער, האָבן די מאַרשירער אויסגעטיילט פון זיך סאָלדאַטן אין יוניפאָרמס און זיי האָבן געטאָן די אַרבעט.

ווען די מאַרשירער זיינען צוגעקומען צום סקווער, האָבן זיי פאַר זיך דערזען אַזאַ בילד: דער גאַנצער סקווער איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? זיינען זיי געקומען שטערן די מאַר־שירער? (די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען האָבן געהאַלטן אין איין העצן זייערע לעזער קעגן רוטענבערגן און די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער.) עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער ריזיקער עולם אָפן סקווער האָט די אָנגעקומענע דעמאָנסטראַנטן אויפגענומען מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָז. דאָס זיינען פופציק טויזנט קליוולאַנדער אַרבעטער געקומען אויס־דריקן זייער סימפּאַטיע צו די וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן קריג און וואָס זיינען באַשטאַנען אָפן רעכט צו פייערן דעם אייגענעם, אַרבעטער יאָנטעוו.

רוטענבערג האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַף דער הויכער פּלאַטפאָרמע און אָנגעהויבן אַדרעסירן די גרעסטע דעמאָנסטראַציע וואָס קליוולאַנד האָט גע־האָט געזען. ער האָט געוואָלט דערקלערן, פאַרוואָס דער ערשטער מיי איז דער יאָנטעוו פון אַלע אַרבעטער אַף דער גאַנצער וועלט; ער האָט געוואָלט רעדן וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, וואָס עקזיסטירט צווישן אַלע פאַרשקלאַפטע און אַרבעטער־לייט און פאַרוואָס די אַרבעטער פון איין לאַנד האָבן ניט קיין אורזאַך אָנצופאַלן אַף זייערע ברידער פון אַ צווייטן לאַנד...

עס איז געווען שטיל. דער עולם האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט. נאָר מיטאַמאָל — רוטענבערג האָט געהאַט גערעדט בלויז פינף מינוט — האָבן זיך פון אַלע זייטן סקווער אַ לאָז געטאָן, ווי ווילדע כאַיעס, פּאָליסלייט אַף פערד, פּאָליסלייט מיט קלאָבס אין די הענט, מיט ביקסן און פּיסטאָלס, איז געפּאַנצערטע קאַרס, — און אָנגעהויבן שלאָגן און שיסן אַף די מענער, פרויען און קינדער, וואָס זיינען געשטאַנען צוזאַמענגעדריקטע אָפן סקווער.

אויסער די פּאָליסלייט האָבן זיך נאָך אָפן עולם אַ לאָז געטאָן פּריוואַטע דעטעקטיווס און גענגסטערס וואָס זיינען געדונגען געוואָרן פון דעם טשעמבער אָוו קאָמערס פון קליוולאַנד, און זיי האָבן אָנגעהויבן שלאָגן די אַרבעטער מיט אייזערנע שטעקנס, וואָס זיינען ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן פון דער פירלעס אָטאָמאָביל פאַבריק אין קליוולאַנד.

הונדערטער אַרבעטער זיינען גלייך פאַרוואונדעט געוואָרן, צוויי זיינען געפאַלן טויט און די וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן און זיך צו ראַטע־ווען פון די מערדער, זיינען נאָך אַרעסטירט געוואָרן. הונדערטער זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמעס.

רוטענבערג איז ניט אַנטלאָפן, ער האָט געהאָלפן די פאַרוואונדעטע. די פּאָליציי האָט אים אַרעסטירט און ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מאָרד.

אַנשטאָט אָנקלאָגן די פּאָליציי און די מיליאָנערן, וואָס האָבן געשיקט די גענגסטערס, האָבן זיי אָנגעקלאָגט רוטענבערגן. קעדיי ער זאָל ניט קענען ארויס אַף בייל, האָט מען אים געשטעלט אונטער הונדערט טויזנט דאָלאר בייל. נאָר די ריכטער זיינען געצוואונגען געוואָרן צו פאַרקלענערן די בייל צו צען טויזנט דאָלער און די סומע איז געשאַפן געוואָרן און רוטענבערג איז ארויס אַף דער פריי.

זיין פּראָצעס איז פאָרגעקומען אַ יאָר שפּעטער. די דזשורי האָט זיך בעראַטן דריי טעג צייט און אים באַפרייט פון אַלע קלאַגעס.

5. רוטענבערג גייט אין לענינס וועג

לאַנג זיין אַף דער פריי איז אָבער רוטענבערגן ניט באַשערט געווען. די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג האָט דערפילט, אַז דער ארבעטער קלאַס אין אַמעריקע דערוואַכט, אַז ער וועט זיך מער ניט לאָזן גענאַרן פון די שיינע ווערטער פון פּרעזידענט ווילסאָן. אין 1919 איז פאָרגעקומען דער גרויסער שטאָל סטרייק, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט ארום אַ האַלב מיליאָן ארבעטער. עס האָבן נאָכגעפאָלגט גרויסע סטרייקס אין אַנדערע אינדוסטריעס פון לאַנד.

די ניי געגרינדעטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך ניט געשפּילט אין ווערטער, ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זי האָט זיך אַ נעם געטאָן אַף אַן עמעס אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע. זי האָט געקעמפט פאַר בעסערע באַדינגונגען פאַר די ארבעטער. זי האָט אָבער, אין דער זעלבער צייט, אויפגעקלערט די ארבעטער און זיי צוגעגרייט אראָפּצוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע, רויבערישע אָרדענונג.

די רעגירונג האָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון די ארבעטער. ווי אַזוי? דורך טעראָר, דורך אריינזעצן ארבעטער אין טורמעס, דורך מאָרדן און דעפּאָרטאַציעס. איבער צען טויזנט רעוואָלוציאָנערע ארבעטער זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין טורמעס; טויזנטער האָט מען דעפּאָרטירט, הונדערטער זיינען פאַרמוטשעט געוואָרן אַף טויט אין די טורמעס. דאָס איז געווען די צייט פון די פּאַלמער־ריידס. פּאַלמער איז געווען דעם אַטוירני דזשענעראַל פון פּרעזידענט ווילסאָנס קאַבינעט.

רוטענבערג איז ווידער ארעסטירט און פאַרמישפּעט געוואָרן צו זיצן פינף יאָר אין סינג־סינג. יעדעס מאָל וואָס רוטענבערג איז געמישפּעט געוואָרן, האָט ער אין געריכט געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט געוואוסט, אַז דורכן געריכט וועט ער רעדן צו די ארבעטער פון לאַנד און זיי דערקלערן, פאַרוואָס ער

ווערט געמישפּעט. אויך דאָסמאָל, אין 1920, האָט ער אין געריכט געהאַלטן א שטאַרקע רעדע און זיך אַזוי אויסגעדריקט:

„פאַר זיך וויל איך בלויז אָט וואָס זאָגן: אין דער פאַרגאַנגענהייט בין איך געגאַנגען אין טורמע פאַר גלויבן אין פּרינציפּן, ווי אַזוי צו רעאָרגאַני־זירן די געזעלשאַפט אויף נייע יעסוידעס. איך גלויב פעסט אין די פּרינציפּן און איך בין גרייט ווייטער פאַר זיי צו קעמפן. איך נעם אָן דעם אורטייל פון געריכט אין זעלבן גייסט פון ווידערשפּעניקייט. איך פאַרשטיי, אַז איך גיי אין טורמע, ווייל איך שטיי אַ גרויסן אידעאַל, וועלכער וועט זיגער טריאומפירן, ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס."

מיטן בלוט און איבערגעבנקייט פון קעמפער איז געבאָרן געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לענין האָט וועגן דעם געזאָגט אַזוי:

„די קאָמוניסטן אין אַמעריקע, וועלכע ווערן פון דער בורזשואַזיע פאַר־שיקט אויף לאַנגע טערמינען אין טורמע פאַר קאָמוניסטישער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, באַווייזן פאַר דער וועלט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע איז אין דער עמעסן אַ הערשאַפט פון טראַסט־קעניגן, ספּעקולאַנטן, וואָס פאַרשקלאַפן די מאַסן."

רוטענבערג איז געווען אַ גוטער ביישפּיל ווי ריכטיק לענינס ווערטער זיינען. וואָס מער ער האָט געדינט דעם אַרבעטער־קלאַס, אַלץ מער איז ער געפּייניקט געוואָרן פון די רייכע. זיינע בעסטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין טורמע. נאָר זיין פּאַרטיי האָט די בורזשואַזיע אין טורמע ניט געקענט פאַרשפּאַרן. די פּאַרטיי איז געוואַקסן. די פּאַרטיי איז געוואָרן די פּאַרטיי פון לענינען, די פּאַרטיי פון עמעסע קעמפער־באָלשעוויקעס.

ווי נאָר רוטענבערג איז אין יאָר 1922 באַפרייט געוואָרן פון סינג־סינג, איז ער גלייך געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך דאַן גערופן די „וואָירקערס פּאַרטי". די פּאַלמער־רעידס האָבן געטריבן די פּאַרטיי אונטער דער ערד. די רעגירונג האָט אומעטום געהאַט אירע שפּיאָנען. די אַרבעטער זיינען געצוואונגען געוואָרן אָפּצוהאַלטן זייערע מיטינגען אין געהיים, ווי אַמאָל אונטערן צאַר אין רוסלאַנד.

אין אויגוסט 1922 איז פאָרגעקומען די קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי. ניט אין אַ זאַל, ניט אין אַ גרויסער שטאָט, נאָר אין געהיים איז זי פאָר־געקומען, אין ברידזשמען, מישיגען, אין אַ וואַלד, לעבן אַ פאַרם־הויז. אין מיטן דער קאָנווענשאָן האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די פּאָליציי גייט מאַכן אַן איבערפאַל. מע האָט גלייך געמוזט אַנטלויפן. די באַווירים האָבן זיך געבעטן ביי רוטענבערגן, אַז ער זאָל אַוועק. זיי האָבן געוואָלט פאַרהיטן זיין

געזונט, זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז ער זאָל ווידער אַריינפאַלן אין טורמע. נאָר רוטענבערג האָט זיי דאָסמאָל ניט געפאָלגט. ער איז געווען דער סעק־רעטאַר, דער קאַפּיטאַן פון דער שיף — און אַ קאַפּיטאַן דאַרף זען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג און ער איז דער לעצטער צו פאַרלאָזן אין צייט פון געפאַר. אַזוי האָט אויך רוטענבערג געטאָן. ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. אָוועקגעשיקט די דעלעגאַטן, געזען, אַז די וויכטיקסטע פּאַפּירן זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

רוטענבערג איז אַרעסטירט געוואָרן. מיט אים אויך עטלעכע און דרייסיק דעלעגאַטן. מע האָט די אַרעסטירטע געשמידט אין קייטן און זיי אַזוי אַריינ־געפירט אין דעם דערבייאיקן שטעטל, סט. דזשאָזעף.

אַרום אַ יאָר שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָצעסן פון די אַרעס־טירטע בא דער ברידזשמענער קאָנווענשאָן. פריער האָט מען געמישפּעט דעם באַרימטן אַרבעטער־פירער וויליאַם ז. פאָסטער. ער איז פון דער דזשורי באַפרייט געוואָרן. דעם צווייטן האָט מען געמישפּעט טשאַרלס רוטענבערגן.

איצט איז שוין די רעגירונג געווען פאָרזיכטיק. זי האָט זיך שוין גע־זאָרגט דערפאַר, אַז די דזשורי זאָל רוטענבערגן ניט באַפרייען. רוטענבערג האָט אין געריכט געהאַלטן אַ וואונדערבאַרע רעדע, אין וועלכער ער האָט קלאָר געמאַכט, אַז די פּאַרטיי איז אַ סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל און אַז איר ציל איז צו באַפרייען זיך פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך.

די דזשורי האָט רוטענבערגן געפונען שולדיק. יאָרן לאַנג איז דער אורטייל געהאַנגען איבער זיין קאָפּ. די פּאַרטיידיקער האָבן געהאַלטן אין איין אַפּעלירן אין העכערע געריכטן. רוטענבערגן האָט עס ווייניק געאַרט. זיין אַרבעט איז געווען : בויען די פּאַרטיי.

רוטענבערג איז געווען הויך געוואַקסן, פעסט געבויט, שלאַנק און בויגיק, בלוילעך־גרינע אויגן, אַ זאַפטיקע שטימע, געלאַסן. זיך קיינמאָל ניט גע־קלאָגט אַף זיין שווער לעבן, אַף שווערער אַרבעט. ער איז געווען אַ גע־באָרענער אַמעריקאַנער פירער. זיינע לערער זיינען געווען קאַרל מאַרקס און לענין. זיין ציל איז געווען — די באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע. קיין זאַך איז פאַר אים ניט געווען צו שווער. אַרבעט איז געווען גאָר אַ סאַך. דאָס לעבן פון אַן אַרבעטער־פירער איז זייער אָנגעשטרענגט. מע רוט ניט טעג און נעכט.

רוטענבערג האָט זיך דערפילט קראַנק, נאָר זיך ניט געקלאָגט פאַר קיינעם. קראַנקערהייט איז ער געפאָרן צו אַ מיטינג לעבן שיקאַגאָ. דאָס איז געווען

מערץ דעם ערשטן, 1927. אַ טאָג שפּעטער, דעם צווייטן מערץ, איז טשאַרלס רוטענבערג געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל אין שיקאַגאָ.

נאָר ווי אַן עמעסער פירער, האָט ער אויך פאַרן טויט אָנגעזאָגט די כאַווײרים וואָס צו טאָן. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען:

„זאָגט די כאַווײרים, זיי זאָלן שליסן זייערע רייען און בויען די פּאַרטיי. דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס, אונטער דער פירערשאַפט פון אונזער פּאַרטיי און פון קאָמינטערן, וועט געווינען. לאָמיר אָנגיין מיט אונזער קאַמף!"

ניט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט, האָבן אַרבעטער געטרויערט אויפן טויט פון דעם גרינדער פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז געשטאָרבן אַזוי יונג, צו 44 יאָר.

אין אַשלאַנד אַדיטאָריום, אין שיקאַגאָ, וואו רוטענבערג איז געלעגן, האָבן די פּיאָנערן, אין זייערע רויטע טיכלעך, געשוואָרן מיט אויפגעהויבענע אָרעמס צו גיין אין רוטענבערגס וועגן. איבער 15 טויזנט אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין דער טרויער־דעמאָנסטראַציע אין שיקאַגאָ. טויזנטער האָבן אָנטייל גענומען אין קליוולאַנד, דעטראָיט, פּיטסבורג, פילאַדעלפיע, באָסטאָן. דעם זיבעטן מערץ האָט מען אין ניו יאָרק דורכגעפירט אַ ריזיקע טרויער־דעמאָנסטראַציע.

דעם פערטן מערץ האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דער ערשטער אַרבעטער־רעגירונג אויף דער וועלט, די פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, טעלע־גראַפירט איר טרויער צו די אַרבעטער אין אַמעריקע און זי האָט געבעטן, אַז רוטענבערגס אַש זאָל געשיקט ווערן קיין מאָסקווע, וואו עס וועט באַהאַלטן ווערן אונטער דער קרעמל־וואַנט, מיט די העלדן פון דער נאָוועמבער רעוואָ־לוציע. אַזוי איז טאַקע געטאָן געוואָרן.

לאָמיר געדענקען רוטענבערגס לעצטע ווערטער פאַר זיין טויט:

„לאָמיר אָנגיין מיט אונזער קאַמף!"

זאָל יעדעס אַרבעטער־קינד העלפן בויען די פּאַרטיי, וועלכע דער מוטיקער קעמפער רוטענבערג האָט געגרינדעט. נאָר דורך קאַמף און שווערער אַרבעט וועלן מיר געווינען די באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע און אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

שול-ביכער:

אַרבעטער שול — פאַרן ערשטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן. 160 זייטן, געבונדן. פרייז 60 סענט. פאַר שולן 30 סענט.

אַרבעטער שול
פאַרן צווייטן יאָר. צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן; 160 זייטן, געבונדן. פרייז 70 סענט. פאַר שולן 35 סענט.

אַרבעטער שול—פאַרן דריטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון ב. פרידמאַן. 192 זייטן, געבונדן. פרייז 80 סענט, פאַר שולן 40 סענט.

אַרבעטער שול—פאַרן פערטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון ב. קאַמענעצקי און מ. שיפּרים. 208 זייטן, געבונדן. פרייז $1.00. פאַר שולן 50 סענט.

שטאַט
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אונדזער שול
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אַמעריקע
פאַרן 4טן לערניאָר (64 זייטן). פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

ערשטער מיי
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 10 סענט. פאַר אונדזערע שולן 5 סענט.

צום נייעם לעבן
פאַרן דריטן לערניאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר שולן 15 סענט.

7טער נאָוועמבער
פאַרן 4טן לערניאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אַרבעט און קאַמף
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 40 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע ביכער:

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אָרדן
געשיכטע, אויפגאַבן, צילן, פון מ. אָלגין. 58 זייטן. פרייז 25 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 10 ס.

סאָוועטן-פאַרבאַנד בויט סאָציאַליזם
פון מלך עפּשטיין. מיט אילוסטראַציעס (128 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר ברענטשעס פון א. אַ. אָ. 15 סענט.

סאָציאַלע פאַרזיכערונג
(אין אַמעריקע און אַנדערע קאַפּיטאַ-ליסטישע לענדער, און אין סאָוועטן-פאַרבאַנד). פון ש. אַלמאַזאָוו. 96 זייטן. פרייז 40 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 15 סענט.

די מלחמה-געפאַר
פון אַלעקסאַנדער ביטלמאַן. 78 זייטן. פרייז 20 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרב. אָרדן 10 סענט.

קאַפּיטאַליזם—סאָציאַליזם—קאָמוניזם
אַ קורס פון 15 לעקציעס. 96 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרב. אָרדן 25 ס.

רעוואָלט מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע
פון י. סולטאַן. 128 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר אונדזערע מיטגלידער 30 ס.

פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם
פון פּ. נאָוויק. 153 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר אונדזערע ברענטשעס 25 ס.

קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום
פון קלמן מרמר. 432 זייטן. פרייז $2.00. פאַר אונדזערע ברענטשעס $1.00.

INTERNATIONAL WORKERS ORDER, Inc.
80 Fifth Avenue New York, N. Y.

נומער 2

אונזערע העלדן און פירער

טאָם מוני

דער געפאַנגענער אין סאַן-קווענטין טורמע

נומער 31,921

פון

א. מייזל

פ אַ ר ל אַ ג

אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

80 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק

1.

אַ פּאַטריאָטישער מילכאָמע-פּאַראַד. עס פּלאַצט אַ באָמבע.

22סטער יולי, יאָר 1916. אין דער שטאָט סאַן־פראַנציסקאָ איז היינט אַ פּאַראַד. פּויקן קלאַפּן, מוזיק שפּילט. פאָנען פון רויט, ווייס און בלוי פלאַטערן. די גאַסן זיינען פול מיט מענטשן.

עס מאַרשירן הענדלער, פאַבריקאַנטן, לאָיערס, קאַפּיטאַנען, ליטענאַנטן, סאָלדאַטן מיט ביקסן אַפן אַקסל, אינגלעך און מיידלעך סקאַוטס. די גאַסן זיינען פול מיט פּאָליציי און דעטעקטיווס. זיי גיבן אַכטונג אַפן אוילעם, וועלכער איז געקומען אָנקוקן דעם פּאַראַד. זיי באַשיצן דעם פּאַטריאָטישן יאָנטעוו.



דער אוילעם אַף דער גאַס שטייט פון ביידע זייטן, ווי צוויי ווענט. די דעכער זיינען אויך אָנגעזועצט מיט מענטשן. די יולי־זון גליט. זילבער־ליכט באַגיסט דעם לאַנגן פּאַראַד, די שיינע אוניפאָרמס, די שפּיצן פון ביקסן און באַגנעטן. אַ טייל אוילעם איז באַגייסטערט: אַ קליינקייט! סאַראַ

פאַראַד! סאַראַ העלדן פאַר דער פאָן און דעם לאַנד! אַ טייל פאַרשטייט די פאַלשע בלוטיקע שפּיל. עס קאָכט אין זיי דאָס בלוט. דאָס האַרץ קלאַפּט מיט צאָרן.

צווישן דעם עולעם, וואָס זיצט אַף אַ דאַך פון אַ הויז אַף מאַרקעט סטריט, געפינט זיך אויך טאָם מוני און זיין פרוי, רענאַ. ביידע פאָלגן נאָך מיט די אויגן דעם פאַראַד. ביידע שווייגן. עס איז זיי שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער, וואָס ס'דריקט זיי אַפן האַרצן.

טאָם מוני און זיין פרוי רענאַ ווייסן אַז אָט־די געלט־זעק, וועלכע האָבן געמאַכט דעם פאַראַד, ווילן אַריינשלעפּן דאָס לאַנד אין אַ בלוטיקער מילכאָמע. אין אייראָפּע גיסן זיך איצט טייכן בלוט. די היגע פאַבריקאַנטן לייען אויס געלט, שיקן אַמוניציע און אַנדערע סכוירעס פאַר דער מילכאָמע. איצט האָבן זיי זיך דערשראָקן: טאָמער וועלן די „עליים" פאַרלירן, איז וואָס וועט זיין מיט די כויוועס? מוז מען אַרויסהעלפן: שיקן פון דאַנען סאָלדאַטן, קינדער פון אַרבעטער און פאַרמער. האָט מען אַרויסגעלאָזן אַ געשריי: „פּריפּערעד־נעס"! „דאָס לאַנד איז ניט באַשיצט! סאָנים גרייטן זיך אָנפאַלן!" אָט דערפאַר מאַרשירט מען עס איצט מיט פּויקן, מיט פאָנען און טרומייטן.

און נאָך עפּעס ווייסן זיי ביידע, טאָם מוני און זיין פרוי רענאַ:

דער פאַראַד איז געצילט אַנטקעגן די אַרבעטער. אין סאַן־פראַנציסקאָ איז ניט לאַנג געווען אַ סטרייק פון טראַמוויי־אַרבעטער. טאָם מוני אַליין איז טאַקע געווען זייער פירער. זיי האָבן שווער געקעמפט און געוואונען. איצט גרייטן זיך צום קאַמף אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן. די באַלעבאַטים זיינען צערייצט, ווי ווילדע בייעס.

זיי האָבן גלייך פאַררופן אַ מיטינג פון דעם „טשעמבער אָוו קאָמערס". מ'האָט אויסגעקליבן אַ „געזעץ און אָרדענונג קאָמיטעט", וועלכער זאָל זיך נעמען צו דער אַרבעט און „אָפּווישן" די יוניאָנס. אַ גאַנצן מיליאָן דאָלאַר האָט מען גלייך געשאַפן פאַר דעם צוועק. דער פירער פון דעם „געזעץ און אָרדענונג קאָמיטעט", קאַפּיטאַן ראָבערט דאָלאַר, האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף: „מיר מוזן צעברעכן די סטרייקס און אָנפּאַקן די שפּיטאָלן מיט יוניאָן־לייט." אָט דאָס טאַקע הייסט: געזעץ און אָרדענונג!

און היינט, ווען זיי זיינען אַרוים אין די גאַסן, פאַר מילכאָמע־צוגרייטונג, דראָען זיי מיט דער זעלביקער פויסט צו די אַרבעטער טאַקע: „קוקט! וויפל ביקסן מיר האָבן, און באַגנעטן! ס'איז אַנטקעגן אייך! וואַגט ניט צו סטרייקן!"

זיצן זיי ביידע, טאָם מוני און זיין פרוי, און קוקן אַפן פאַראַד. וויפל סאָנים דער אַרבעטער־קלאַס פאַרמאָגט! ס'איז שוין צוויי אַזייגער און דער פאַראַד ציט זיך נאָך אַלץ, און ציט.

צוויי מינוטן נאָך צוויי (אַזוי צייגט דער זייגער, וועלכער הענגט אַנטקעגן



אַף אַ וואַנט). אַן אומבאַקאַנטער מאַן אױפֿן דאַך שטעלט אָן זײַן פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט און קליק־קליק: ער כאַפּט אַראָפּ אַ בילד פֿון דעם מאַרש אונטן, פֿון דעם אוילעם, וואָס זיצט דאָ אױפֿן דאַך. ער וויל דאָס בילד האָבן פֿאַר אַן אָנדענק.

טאָם מוני קוקט אַף אים און טראַכט:

— אַ בלוטיקער אָנדענק וועט עס זײַן! געלט־זאַק שלעפּט דאָס אָרעמע פֿאָלק צו דער שכיטע!

נאָך פיר מינוטן האָט דער ווייזער אױף דעם וואַנט־זייגער איבערגעציילט. זעקס מינוטן נאָך צוויי. פונדערווייטנס האָט זיך דערהערט א טראַך און א גוואַלטיקער אויפרייס.

וואָס איז געשען?

א מייל ווייט פון דאַנען, פון דעם דאַך אױף וועלכן טאָם מוני און זיין פרוי רענאַ זיינען געזעסן, האָט געפּלאַצט א באָמבע. דער עולם צעלויפט זיך אין שרעק. צען מענטשן זיינען געהאַרגעט געוואָרן, פופציק — פאַר־וואונדעט. דער עולם פון דאַך צעקריכט זיך אין גרויסער אויפרעגונג. טאָם מוני פילט, אַז זיין האַרץ ווערט פון אויפרעגונג שיר ניט צעשפּרונגען:

— בלוט! בלוט! כ׳האָב אָבער געוואָרנט די אַרבעטער: קומט ניט צום פּאַראַד! היט זיך פאַר א פּראָוואָקאַציע. די באַלעבאַטים לייגן פאַר אייך אויס נעצן...

2.

די נעץ איז פאַרשפּרייט.

אױפן אָרט האָט מען קיינעם ניט אַרעסטירט.

אױף מאָרגן — אויך ניט. פינף טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געוואַרט, ביז וואַנען אַלע שפּורן, וועלכע פירן צו די עמעסע פאַרברעכער, וועלן ווערן אָפּגעמעקט; ביז וואַנען מ׳וועט די שפּורן פאַרווישן, פאַרשטיקן, אַז מ׳זאָל דעם עמעס קיינמאָל ניט אויסגעפינען. שטילערהייט האָט מען געוועבט א נעץ.

דעם 22סטן באַדערנאַכט, גלייך נאָך דעם אויפרייס, האָט דער דיסטריקט־אַטוירני, פיקערט, געשיקט רופן איינעם א מאַן, מאַרטין סוואַנסאָן, און ער האָט אים באַשטימט צו זיין דער הויפּט־אויספאָרשער פון דעם אויפרייס.

ווער איז געווען מאַרטין סוואַנסאָן?

א געוועזענער פינקערטאָן דעטעקטיוו; דער הויפּט־שפּיאָן פון די טראַמוויי־באַלעבאַטים און פון דער „פּאַסיפישער גאַז און עלעקטריע קאָמ־פּאַניע", זייער סטרייק־ברעכער. סוואַנסאָן האָט שוין לאַנג אַן אויג אױף טאָם מונין.

שוין דריי יאָר אַז ער יאָגט זיך נאָך מונין אַרום. ער האָט א באַפעל פון זיינע באַלעבאַטים: „קריג אים אַריין! זיין אָרט איז הינטער די טורמע־גראַטעס! אױף דער פריי איז ער א סאַקאָנע!" איצט איז מוני בא אים אין די הענט.

וואָס מאַכט עס אויס, אַז ס׳זיינען ניטאָ קיין באַווייזן? וועט מען זיי אויסטראַכטן. ניטאָ קיין איידעס? וועט מען זיי דינגען. דער דיסטריקט־אַטוירני וועט אים העלפן. די פאַלשע פירער פון דער א. פ. אָוו ל. זיינען אויך אױף זיין זייט. און קיין געלט פעלט ניט אויס. דער קאָמיטעט פאַר „געזעץ און אָרדענונג" האָט א מיליאָן דאָלאַר אין דער קאַסע...

סוואַנסאָן האָט אַ האַרץ אַף מונין: ביז איצט האָט ער זיך פון זיינע הענט אויסגעדרייט.

ניט לאַנג צוריק האָט סוואַנסאָן באַטראַכט אַזאַ מין שפּיצל:

ער האָט אַריינגענומען איינעם אַן אַרבעטער־טוער, וואָרען ביליגגס. מיט כיטרע דעטעקטיוו־רייד'לעך האָט ער אים געוואָלט איינשמועסן, אַז ער זאָל ווערן אַ פאַררעטער און העלפן אָפּראַמען פון וועג טאָם מונין. דערפאַר וועט ער קריגן 5000 דאָלאַר מעזומען און אַ גוטן „דזשאָב" בײַ די טראַמוויי־באַלעבאַטים אַפן גאַנצן לעבן. וואָרען ביליגגס האָט זיך פון אים אויסגעלאַכט:

— ער וועט זיינע אַרבעטער־ברידער ניט פאַרראַטן.

איצט, טראַכט סוואַנסאָן, וועט דער יונג, ביליגגס, אויך טייער באַצאָלן. אַזאַ האָזע: ניט וועלן פאַרקויפן די נעשאָמע פאַר געלט! אַף איין שטריק וועלן זיי ביידע הענגען.

אָפן פינפטן טאָג איז די נעץ געוואָרן פאַרטיק.

מ'האָט אַרעסטירט טאָם מונין, זיין פרוי רענאַ, וואָרען ביליגגס, און נאָך צוויי אַרבעטער־קעמפער, איזראַעל וויינבערג און עד נאָלאַן. אַלע פינף זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין וואַרפן די באָמבע אָפן מילכאָמע־צוגרייטונג פּאַראַד. די באָסישע צייטונגען זיינען אַרויס מיט בלוט־דאָרשטיקע שרייענדיקע קעפּ:

— די מערדער אַרעסטירט! טויט צו די מערדער!

טאָם מוני פּאַרשטייט:

— די האַק, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער זיין קאָפּ, צילט זיך אָפּצוהאַקן די קעפּ פון אַרבעטער־קעמפער. מ'טאָר דעם קאָפּ ניט אַראָפּלאָזן. מ'דאַרף קעמפן ביזן סאָף. די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט וועלן העלפן...

3.

ווער איז געווען טאָם מוני?

טאָם איז געבאָרן געוואָרן דעם 7טן דעצעמבער, אין יאָר 1882, אין דער שטאָט שיקאַגאָ. זיינע עלטערן זיינען געווען אָרעמע איירישע אַרבעטער. פון קליינערהייט אָן האָט ער שוין פאַרזוכט דעם ביטערן לעבן פון אַן אָרעם אַרבעטער־קינד.

די פאַמיליע וואַנדערט אַרום פון שטאָט צו שטאָט, זוכט אַרבעט און ברויט. דער קליינער טאָמי וואַנדערט אַרום צוזאַמען מיט זיינע עלטערן.

פון שיקאַגאָ קלייבן זיי זיך אַריבער אין אַ מיינער־שטעטל, אינעם שטאָט אינדיאַנאַ. דאָס גאַנצע שטעטל געהערט צו דער קוילן־קאָמפּאַניע. אַלץ: די מיינס, די הייזער, די קראָמען, די סקול, דער קלויסטער, די פּאָליציי.

די אַרבעטער זיינען בלויז שקלאַפן, פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ.

פון אינדיאַנאַ וואַנדערן זיי אויס קיין האַליפאַקס, מאַסאַטשוסעטס. טאָם ווערט אַלט פערצן יאָר און ער גייט אַוועק אַרבעטן אין אַן אייזן־גיסעריי. ער גרייט זיך צו ווערן אַ מאָולדער (אַ פורעם־גיסער).

די אַרבעט איז אַ שווערע, ניט בלויז פאַר אַ פערצן־יאָריק אינגל. מ'דאַרף שטיין אַ גאַנצן טאָג אין פייכטן זאַמד, שלעפּן מיט די הענט הייסע בריענדיקע פורעם־שטיקער. די הויט ברענט, דאָס פלייש שמאַרצט, ביז וואַנען די הויט ווערט פאַרהאַרטעוועט אַזוי ווי אַ קאָרע און פילט שוין מער ניט קיין היץ און קיין קעלט. זומער איז אין דער אייזן־גיסעריי שטיקנדיק הייס, ווינטער — אַ ביטערע קעלט. די סכירעס זיינען קליינע, קוים צו דערהאַלטן די נעשאָמע.

דאָרטן, אין אייזן־גיסעריי, לערנט טאָם מוני די ערשטע לעקציע פון אַרבעטער־אייניקייט אין קאַמף. ער דערוואַרט זיך קוים, ביז וואַנען ער ווערט אַלט גענוג אַריינצוטרעטן אין דער יוניאָן. נאָכדעם ווערט ער אַ מיטגליד פון דער „אינטערנעשאַנאַל מאָלדערס יוניאָן". ער איז דאָרט געוועזן אַקטיוו ביזן טאָג פון זיין אַרעסט.

מוני ווערט אויך אַ סאָציאַליסט. ער פאַרשטייט, אַז די ענדלעכע באַ־פרייאונג פון די אַרבעטער וועט קומען בלויז דאַן, ווען די באַסישע אָרדענונג וועט אָפּגעשאַפט ווערן און ס'וועט אויפגעבויט ווערן אַ נייע סאָציאַליסטישע וועלט. אין יאָר 1908 איז דער אַלטער קעמפער, יודזשין דעבס, אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. ער פאָרט אַרום איבערן לאַנד אויף אַ ספּעציעלער באַן, דער „רעד ספּעשעל". אומעטום ווערן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און ס'ווערט צעטיילט סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. טאָם מוני פאָרט אַרום מיט דעבסן, אים העלפן אין דער אַרבעט.

אין יאָר 1910, אין עלטער פון 28 יאָר, באַזעצט זיך טאָם מוני אין קאַליפאָרניע.

זיין לעבן איז דער אַרבעטער־קאַמף. זיינע סאָנים — די באַסעס, און די פאַלשע פירער פון די אַרבעטער — זייערע פאַרפירער. ער איז העלדיש, איינגעשפּאַרט. ער טרעט קיינמאָל ניט אָפּ פאַר אַ סאָקאָנע.

אין יאָר 1913 סטרייקן די אַרבעטער אַנטקעגן דער „פּאַסיפישער גאַז און עלעקטריע קאָמפּאַניע". מוני איז זייער פירער. די רייכע קאָמפּאַניע וויל ברעכן דעם סטרייק און אָפּראַמען די פירער פון וועג. אירע דעטעקטיווס און שפּיאָנען רייסן ערגעץ אויף אַ געביידע מיט דינאַמיט און פּרוּווּן אַרויפ־וואַרפן די שולד אויף די קעפּ פון די סטרייק־פירער. מוני ווערט אַרעסטירט. מען ברענגט אים דריי מאָל צום געריכט און מ'באַשולדיקט אים אין אַרומ־פירן דינאַמיט. ער ווערט אַלע דריי מאָל באַפרייט. ס'געלינגט ניט די דעטעקטיווס אַריינכאַפּן אים אין זייער נעץ. סוואַנסאָן איז זיין הויפּט־אָנקלעגער אין אַלע דריי פאַלן.

אין יאָר 1914 מאַכן די פאַבריקאַנטן פון סטאָקטאָן (אַ שטאָט לעבן סאַן־פראַנציסקאָ) אַ לאָקאַוט אַנטקעגן די אַרבעטער און וואַרפן זיי אַרויס פון די פאַבריקן. די אַרבעטער ענטפערן צוריק מיט אַ סטרייק. טאָם מוני איז זייער פירער. ס׳ווערט דעמאָלט אַרעסטירט אַ דעטעקטיוו, וועלכער פירט זיך אַרום מיט אַ קעסטל דינאַמיט; דעם דינאַמיט וויל ער אויפרייסן און אַרויפוואַרפן די שולד אַף די פירער. די אָנקלעגער זיינען טאָם מוני און זיין פרוי רענאַ. דער באַסישער ריכטער באַפרייט דעם דעטעקטיוו פון די פאַבריקאַנטן.

אין יאָר 1916 אָרגאַניזירט טאָם מוני אַ סטרייק פון די טראַמוויי־אַרבעטער. 40 טעג פאַר דעם פּאַטריאָטישן פאַראַד רייסט מען אויף מיט דינאַמיט אַן עלעקטרישן טורעם־שפּיץ, וואָס געהערט צו דער טראַמוויי־קאָמפּאַניע. סוואַנסאָן וויל אונטערקויפן בילינגסן און וויינבערגן, אַז זיי זאָלן פאַרראַטן זייער כאַווער מונין און אַף אים אַרויפוואַרפן די שולד. ביידע טרייסלען זיך אָפּ פון דעם מיעסן פאַרראַט.

טאָם מוני אָרגאַניזירט אויך די אַרבעטער אַנטקעגן דער קומענדיקער מילכאָמע. ער קלערט זיי אויף, אַז די מילכאָמע וועט זיין אַ באַסישע, און בלוט וועט זיך גיסן פון אַרבעטער. ער רייסט אַרונטער די מאַסקע פון די אַרבעטער־פאַרפירער פון דער א. פ. און ל. און פון די סאָציאַליסטן. ער מאַכט קאַליע די מילכאָמע־שפּיל, וועלכע ווערט אין דער שטיל צוגעגרייט.

די באַלעבאַטים ווערן אומגעדולדיק. „פּאַקט טאָם מונין!“, איז זייער באַפעל צו די געדונגענע הענקער.

און אָט איז געקומען די גאָלדענע געלעגנהייט!

אַ באָמבע אַף אַ פּאַטריאָטישן פאַראַד! טויטע און פאַרוואונדעטע! וואָס מ׳דאַרף טאָן, איז — פּאַקן דעם „ריכטיקן“ מאַן, מיט פאַלשע באַווייזן.

טאָם מוני איז פאַרפּלאָנטערט אין באַסישער נעץ!

אַזאַ מאַן איז שעדלעך פאַרן געלט־זאַק! ער מוז שטאַרבן!

4.

אין באַסישן געריכט־הויז.

אָנגעטאָן אין שוואַרצן ריכטער־מאַנטל, זיצט דזשאָדזש גריפין.

דער אָנקלעגער איז אַ דיסטריקט־אַטוירני, אויסגעקליבן אַף זיין אַמט מיטן געלט פון באַלעבאַטים. זיין נאָמען איז פיקערט.

אַף דער אָנקלאַגע־באַנק — דער אַרבעטער־קעמפער, מוני.

מ׳הייבט אָן אַרויסרופן די איידעס.

סאַרע פּנימער די איידעס האָבן: רויע, שווערע, פאַרדאַרבענע. מ׳האָט זיי אויפגעקליבן אין דער אונטערוועלט און אָפּגעקויפט פאַר געלט. פאַרגעסט ניט: דער קאָמיטעט פאַר „געזעץ און אָרדענונג“ האָט באַ זיך אַ גאַנצן מיליאָן דאָלאַר.

אַט זיצט אפֿן שטול פֿרענק אָקסמאַן, דער הויפּט־איידעס אַנטקעגן די אָנגעקלאָגטע.

— האָסט געזען דעם שולדיקן?

— געזען.

— וואו?

— אַף מאַרקעט סטריט. פֿיר מינוטן צו צוויי איז צוגעפֿאָרן אַ מאַשין. אין דער מאַשין זיינען געזעסן פֿינף מענטשן: מוני און זיין פֿרוי רענאַ, בילינגס, וויינבערג, און נאָך אימיצער. מוני און בילינגס האָבן פֿון דער מאַשין אַרויסגעטראָגן אַ רענצל און אַוועקגעשטעלט אפֿן טראָטואַר. אין צען מינוט אַרום האָט די באָמבע אויפֿגעריסן.

דאָס פֿאָטאָגראַפֿישע בילד פֿון מונין און רענאַן, גענומען צוויי מינוטן נאָך צוויי, אַף אַ דאַך, אַ מייל און אַ פֿערטל ווייט פֿון מאַרקעט סטריט, געפֿינט זיך באַם אָנקלעגער אין די הענט. אָבער וואָס אַרט עס אים: מ׳דאַרף פֿאַרמישפּעטן „דעם ריכטיקן מאַן מיט פֿאַלשע באַווייזן".

עס ווייסט אויך, דער אָנקלעגער, אַז אַף מאַרקעט סטריט האָט קיין מאַשין דעמאָלט ניט געקענט דורכפֿאָרן, ווייל דער וועג איז געווען פֿאַרצאַמט פֿון פּאָליציי. עס ווייסט, דער אָנקלעגער, אַז איידעס זיינען געקומען צו אים און דערציילט: „מוני און רענאַ זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען אפֿן דאַך פֿון זייער הויז, און זיך ערגעץ ניט אָפּגעקערט." אָבער וואָס מאַכט עס אויס! ער איז אַן אָנגעשטעלטער פֿון די געלט־זעק און דאַרף דורכפֿירן זייער באַפֿעל: „טויטן מונין!"

מ׳פֿרעגט ווייטער דעם קיי־סוויבער, אָקסמאַנען:

— דו דערקענסט דעם אָנגעקלאָגטן?

— זיכער.

ער טייטלט מיט אַ פֿינגער אַף טאָם מונין.

ס׳איז אים לייכט צו דערקענען: מיט עטלעכע טעג פֿריער האָט אַ פּאָליציי־דעטעקטיוו אַריינגעפֿירט אָקסמאַנען אין טורמע, אים צוגעפֿירט צו דער צעל, וואו מוני איז געזעסן, דורך די גראַטעס אַ רוף געגעבן:

— מוני!

ווייס ער טאַקע איצט אָקסמאַן, ווער מוני איז.

ס׳קומען אַרויף נאָך איידעס: איינער אַ קראַנקער, צעבראָכענער, געפֿאַלענער מאַן. זיין נאָמען איז מעקדאָנאַלד. ער באַשטעטיקט אויך, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי מוני האָט אַוועקגעלייגט דאָס רענצל מיט דער באָמבע אפֿן טראָטואַר.

מיט אַ צייט שפּעטער, האָט מעקדאָנאַלד דערציילט דעם עמעס, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַן איידעס אַנטקעגן טאָם מונין. ער איז דעמאָלט געווען קראַנק, ערשט אַרויס פֿון שפּיטאָל און הונגעריק. פּיקערט האָט אים אַריינגענומען, צוגעזאָגט אַ באַלוינונג: „דו קענסט טאָם מונין?" „ניין." „דו ביסט זיכער?" „יאָ, זיכער." „ער איז אַ הויכער מאַן, מיט געדיכטע שוואַרצע

ברעמען. ער האָט עס זיכער געטאָן. דאָס איז דער כעוורע־מאַן, וועלכן מיר דארפן. זיי זיכער, אַז ווען כ׳וועל מיט אים פּאַרטיק ווערן, וועט פון אים גאָרנישט ניט בלייבן." אָט אַזוי איז מעקדאָנאַלד געוואָרן אַן אײדעס...

גייט אָן ווייטער דאָס געריכט. אָן אײדעס נאָך אָן אײדעס. און עס גיסט זיך סאַם, גאַל און ליגנס. זיצט דער אָנגעקלאָגטער טאָם מוני, הערט זיך איין; כמורען זיך זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען. אָבער זיין מוט איז ניט געבראָכן, ניט זיין שטאָלץ און ניט זיין גלויבן אין דעם אַרבעטער־קלאַס.

ער טראַכט:

— מיין איבערגעגעבנקייט צו די אַרבעטער, מיין קאַמף פאַר זיי, האָט אַף מיר געבראַכט די סינע פונעם מעכטיקן קאַפּיטאַל. אָבער ס׳פאַרדריסט מיך ניט. כ׳האָב אויך ניט קיין מוירע. כ׳גיב זיך ניט אונטער, כ׳וועל ווייטער קעמפן. דער קאַמף איז ניט בלויז פאַר מיין אייגן לעבן. ס׳איז אַ קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

דאָס געריכט איז געענדיקט. די דזשורי גייט ארויס זיך באַראַטן. זיי קומען אַריין צוריק. דער אורטייל איז: „שולדיק. טאָם מוני מוז שטאַרבן!"

5.

„טאָם מוני מוז לעבן!"

אַרבעטער שווייגן ניט.

איבערן גאַנצן לאַנד — דעמאָנסטראַציעס. אַרום די טויערן פון די פאַבריקן —פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען. טעלעגראַמעס פאַרפלייצן דעם אָפיס פון דעם גאָווערנאָר אין קאַליפאָרניע:

— מיר פאָדערן די באַפרייאונג פון טאָם מוני און בילינגס!

די איבעריקע דריי געמישפּעטע, רענאַ, וויינבערג און נאָלאַן, זיינען פון געריכט אַרויסגעלאָזן געוואָרן פריי.

די פאַלשע פירער פון דער א. פ. אָוו ל. פּרואוון פאַרשטיקן דעם אַרבעטער־צאָרן, אָבער ס׳העלפט ניט: ס׳רייסט זיך דורך.

איבער דער גאַנצער וועלט — פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס. אַרבעטער, מידע פון דער מילכאָמע, אויפגעצאָרנטע, שטורעמען די אָפיסעס פון די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָרס און פאָדערן:

— אונדזער טאָם מוני מוז לעבן!

אין דער שטאָט פּעטראָגראַד (איצט לענינגראַד) מאַרשירן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר; זיי שליידערן שטיינער אין די פענצטער און דונערן אויס זייער פאָדערונג, אין איין קאָל:

— באַפרייט טאָם מונין! אַ סאָף צו דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע!

דעמאָנסטראַציעס אין פּאַריז, מאַדריד, בוענאָס-איירעס! אַרבעטער-פויסטן דראָען אומעטום:

— באַפרייט טאָם מונין!

דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך דערשראָקן. ער האָט באַשטימט אַן אויספאָרשונג-קאָמיטעט, וועלכער האָט אויסגעפונען אַז דאָס געריכט איז געווען ניט ערלעך. ער האָט אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צום גאָווערנאָר פון קאַליפאָרניע און אים געבעטן: געבן מונין און בילינגסן אַ נייעם מישפּעט.

אָבער ווער איז דער גאָווערנאָר, אויב ניט אַן אָנגעשטעלטער פונעם געלט-זאַק? געלט-זאַק האָט טאָם מונין ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון די הענט. צו באַרויקן דעם צאָרן פון די אַרבעטער, האָט מען דעם טויט-אורטייל פון מונין און בילינגסן פאַרביטן אַף אייביקער טפיסע.

מען האָט אים פאַרזעצט אין סאַן-קוואַנטין פּריזאָן. זיין נאָמען איז שוין מער ניט געווען „מוני", נאָר „געפאַנגענער, נומער 31,921".

הינטער די גראַטעס, אין סאַן-קווענטין, איז מונים מוט נאָך אַלץ ניט געבראָכן. ער הייבט דאָרטן אָן אַרויסגעבן אַ צייטונג, „טאָם מונים מאָנטלי", און רייסט אויף מיט שטאַרקע פאַקטן דעם בילבל, פאַר וועלכן ער איז פאַר-מישפּעט געוואָרן.

די כאַוויירים, אַף דער פריי, דרוקן די צייטונג און פאַרשפּרייטן זי צווישן די אַרבעטער.

געלט-זאַק גיט אַ באַפעל צו זיינע דינער, אין טורמע, אַז מ'זאָל דערשטיקן טאָם מונים קאָל פון אויפשטאַנד. זיי טוען דאָס, וואָס מ'הייסט זיי:

מוני קריגט די שווערסטע טורמע-אַרבעט. פון פאַרטאָג ביז שפּעט באַ-נאַכט זיצט ער און שיילט קאַרטאָפל. דאָס צימערל איז קליין, טונקל און פאַרשטיקט. פייכטקייט רינט אַראָפּ פון די ווענט, און די ווענט זיינען מיט אַ גרינער קלעפּיקייט באַוואַקסן. ס'איז זיין שטראָף פאַר האַלטן הויך דעם קאָפּ און ניט אונטערגעבן זיך דעם אונטערדריקער.

ער ווערט געשימפט און באַליידיקט. מ'גיט אים אַרבעט אין אַ שטריק-מיל, די ערגסטע אַרבעט, וואָס ס'קריגן די שווערסטע פאַרברעכער. ער בייגט צו דער אַרבעט דעם קאָפּ. זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען כמורען זיך. די אויגן שמייכלען. ער הערט דאָ, הינטער די גראַטעס, דעם רוף פון זיינע אַרבעטער-ברידער:

— אַרבעטער! צעשמעטערט דעם מיעסן בילבול!

— פאָדערט די באַפרייאונג פון מוני און בילינגס!

ער שאָקלט צו איינשטימיק מיטן קאָפּ:

— אזוי, אזוי! ס'איז ניט בלויז מיין אייגענער קאַמף; ס'איז אייערער. אַ קאַמף אַנטקעגן דעם געלט-זאַק.

די פינגער פלעכטן ווייטער פלאַקס-פעדעם אין שטריק. די שטריק וועט צונויף קומען פאַרן אַרבעטער-סוינע.

.6

דער בילבול פּלאַצט. טאָם מוני זיצט נאָך אַלץ אין טורמע.

אַ קורצע צייט נאָכן פּראָצעס האָבן די פעדעם פון דער נעץ, וואָס האָט פאַרפּלאָנטערט כאַווער מונין, אָנגעהויבן צו פּלאַצן.

דער „שטאַרקסטער" איידעס קעגן אים איז געווען דער קי־סויכער אָקסמאַן.

האָט מען אויסגעפונען אָט־וואָס:

אָקסמאַן איז גאָר יענעם טאָג ניט געווען אין סאַן־פראַנציסקאָ. ער איז גאָר דאַמאָלט געווען אין אַ שטעטל, וואודלאַנד, 90 מייל פון דעם פּאַראַד. געקומען איז ער אַהין אָפּקויפן קי און שעפּסן פון איינעם אַ מאַן, האַטשער. מיט דעם האַטשערן איז ער אַרומגעפאָרן איבער די פאַרמס אָנקוקן די סכוירע; נאָכדעם האָט מען געהאַט אַ מאָלצייט; נאָכדעם האָט אים האַטשער מיט זיין פרוי באַגלייט צו דער באַן, וואָס גייט קיין סאַן־פראַנציסקאָ. אין דער צייט, וואָס די באָמבע האָט אויפגעריסן, איז דער „איידעס" אָקסמאַן געווען אַפן וואָקזאַל און געוואַרט אַף זיין באַן.

מונים לאָיערס האָבן קוים אויסגעפירט בא האַטשערן מיט זיין פרוי, אַז זיי זאָלן קומען קיין סאַן־פראַנציסקאָ און דערציילן דעם גאַנצן עמעס.

נאָך אַ מאַן, ריגאַל, פון גרייוויל, אילינוי, האָט צוגעשטעלט צו מונים לאָיערס דריי בריוולעך, וואָס אָקסמאַן האָט צו אים געשריבן.

אָקסמאַנס אַ בריוול

Hotel Terminal, James H. Hoyle, Manager,
60 Market Street, San Francisco

Mr. Ed Rigall, Grayville, Illinois.

Dear Ed.—Hes been a long time since I hurd from you. I have a chance for you cum to San Frico as a Expurt Witnes in a very important case, you will only haf to answer 3 & 4 questions and I will Post you on them. You will get milegage and all that a witness can draw, Probly 100 in the clear. It is all OK but I neew a witnese. Let me know if you can come, Jan. 3 is the dait set for trile. Please keep this confidential.

Answer hear. Yours truly, F. C. OXMAN

אָקסמאַן האָט געוואָלט באַשטעטיקן, אַז ער איז טאַקע יענעם טאָג געווען באַם פּאַראַד. האָט ער אָנגערופן ריגאַלס נאָמען, אַז ער איז מיט אים געשטאַנען אַף אַ גאַסן־ראָג און געשמועסט. נאָכדעם האָט ער געשריבן בריוולעך אין גרייוויל, אַז ריגאַל זאָל קומען צו מונים געריכט און איידעס זאָגן אַז ס'איז

אַן עמעס, דאָס וואָס אָקסמאַן זאָגט. ער האָט אים צוגעזאָגט געלט און אַ פּרייַע רייזע קיין קאַליפאָרניע. ריגאַל איז טאַקע געקומען צופאָרן; נאָר זאָגן אַזאַ ליגן, אַז ער איז געווען אין סאַן־פראַנציסקאָ באַם פּאַראַד, ווען ער איז גאָר געווען אין אילינוי, האָט אים זיין געוויסן ניט געלאָזן. נו, איז מען אויסגעקומען אַן אים. דער קאָמיטעט פאַר „געזעץ און אָרדענונג" האָט זיך ניט גערעכנט מיט אַזאַ קלייניקייט...

נאָכדעם האָט דער פּאָליסמאַן הענד, וועלכער האָט „באַארבעט" די פּאַלשע איידעס, אויסגעזאָגט דעם עמעס.

דער ריכטער, גריפין, וועלכער האָט געמישפּעט און פאַרמישפּעט מוני, איז שפּעטער אַרויסגעטראָטן און געזאָגט: ער איז איצט איבערצייגט, אַז די באַווייזן קעגן מונין זיינען געווען פּאַלשע. ער האָט ניט געטאָרט פאַרמישפּעט ווערן.

אַלע דזשורי־לייט (אַ חוץ איינעם, וואָס איז געשטאָרבן) האָבן געשיקט בריוולעך צום גאָווערנאָר, אַז זיי גלייבן שוין מער ניט אין מונים שולד און בעטן אים ער זאָל מונין באַפרייען.

אָבער מוני איז נאָך אַלץ געפאַנגענער נומער 31,921.

גאָווערנאָר נאָך גאָווערנאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט אים צו באַפרייען, אָדער געבן אַ נייעם מישפּעט.

פאַרוואָס?

גאַנץ איינפאַך:

דער גאָווערנאָר איז בלויז אַ דינער פונעם גאָלד־זאַק. טוט ער, וואָס זיין באַלעבאָס הייסט. יענעם לוינט זיך האַלטן דעם סוינע הינטער גראַטעס. אַף דער פריי איז ער אַ סאַקאָנע. זיי האָבן „פאַרפאַקט" דעם „ריכטיקן מאַן דורך פאַלשע באַווייזן".

עפּשער, ווען מוני וואָלט איינגעבויגן דעם רוקן און געבעטן באַ זיי מעכילע, און צוגעזאָגט אַז אַף ווייטער וועט ער שוין זיין שטיל, ווי גראָז, וואָלטן זיי אים אַרויסגעלאָזן.

אַ דייגע זיי, וואו ס'וועט זיך וואַלגערן אַ צעבראָכענער שאַרבן!

אָבער מוני איז פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. 18 יאָר טורמע האָבן זיין מוט ניט געבראָכן. ער האַלט נאָך הויך דעם קאָפּ און מאָנט:

— ניט קיין מעכילע וויל איך, ניט קיין פּאַראָל. איך וועל בעסער פוילן דאָ, אין טורמע. פּאַראָל — איז פאַר שולדיקע. איך בין ניט שולדיק!

ער וואַרט אין סאַן־קוואַנטין אַף זיינע עמעסע באַפרייער, די אַרבעטער. פאַר זיי האָט ער געקעמפט, פאַר זיי האָט ער געליטן. פאַר זיי וועט ער ווידער קעמפן, ווען ער וועט זיך אַרויסרייסן פון זיינע קייטן.

וואָס איז פאַר אים אַכצן יאָר טורמע? אַז ער איז גרייט אַפילו אָפּצוגעבן זיין גאַנץ לעבן...



7.

דער קאַמף גייט אָן!

ווינטער, יאָר 1934.

עס ציט זיך אַ לעווייע־פּראָצעסיע אין סאַן־פראַנציסקאָ. לעבן די טויערן פון סאַן־קווענטין טורמע שטעלט זיך דער טויט־וואָגן אַ ווײַלע אָפּ. פון דער הויך, פון אַ שמוציק פענצטערל, פאַרגראַטעוועט מיט אייזנס, קוקט אַרונטער אַ פּנים פון אַ געפאַנגענעם. זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען כמורען זיך. ער פאַרבייסט מיט ווייטיק די ציינער אין די ליפּן.

מוני באַגלייט מיט די אויגן, אַפּן וועג צום קייווער, זיין אַלטע מאַמע.

84 יאָר איז די בראַווע מאַמע־מוני אַלט געוועזן. ניט קוקנדיק אַף איר הויכן עלטער, האָט זי ניט גערוט ביז איר לעצטער מינוט, געקעמפט פאַר איר זונס באַפרייאונג. זי האָט די גאַנצע צייט געגלויבט אין דער אומשולד פון איר טאַמין.

אין דער רויטער מאָסקווע קומט פאַר אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער רויטער הילף". זי, מיט נאָך אַ מאַמען פון געלט־זאַקס קאָרבן, אַדאַ רייט (איר זון איז איינער פון די ניין „סקאָטסבאָראָ־אינגלעך"), פאָרן קיין מאָסקווע. מען נעמט זיי אויף מיט פּאַראַד. רויט־אַרמייער סאַלוטירן זיי. אַרבעטער שווערן: ניט אויפגעבן, נאָר פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר זייערע מאַרטירער.

די צוויי מאַמעס פאָרן אַרום איבער די לענדער פון אייראָפּע: אומעטום — אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס. די מאַמעס רופן זיי און באַגייסטערן: צום קאַמף און צום זיג.

דעם 30סטן אַפּריל, יאָר 1933, קומט פאַר אַ טאָם מוני צוזאַמענפאָר אין שיקאַגאָ. הונדערטער דעלעגאַטן פון אַלע שטעט פון לאַנד, צווישן זיי אויך די בראַווע מוטער, מוני.

— מיין זון איז אייערער. פאַר אייך האָט ער געליטן; און איר קענט אים באַפרייען.

איצט איז זי טויט. מ'האָט זיך געווענדט צו די פאַנגער, אַז זיי זאָלן אונטער אַ וואַך אַרויסלאָזן פון סאַן־קוואַנטין איר זין. אַף אַ ווײַלע בלויז, ער זאָל זי באַגלייטן צו איר אייביקער רו. נאָכדעם — צוריק אין טורמע.

די פאַנגער האָבן אָפּגעזאָגט.

— ניין! זאָל ער בעסער דורך דער גראַטע קוקן. עפּשער וועט דאָס ברעכן זיין איינגעשפּאַרטע נאַטור.

זעט מוני:

דער וואָגן רירט זיך פון אָרט. פאָרט ווייטער. פאַרשווינדט. ס'גייט נאָך אַן אוילעם מענטשן. זיינע ברידער־אַרבעטער. פורעם־גיסער, קאָנדוק־טאָרן, מאָטאָר־לייט, אַרבעטער באַ גאַז און עלעקטריע. ניט איין זון, נאָר אַ סאַך — אַ סאַך האָט זיין מאַמע איבערגעלאָזט.

דער קאַמף פאַר איר טאַמיס באַפרייאונג איז אויך איבערגעבליבן אין זיכערע הענט.

קומט דער ערשטער מיי־יאָנטעוו. אַרבעטער מאַרשירן אין די גאַסן. זיי טראָגן פּלאַקאַטן, שרייען אוים לאָזונגען; און איינער פון זיי איז:

— טאָם מוני מוז זיין פריי!

גייען אַרבעטער אַרויס פּראָטעסטירן אַנטקעגן הונגער און אַרבעט־לאָזיקייט, לוין־שניטן און ספּיד־אַפּס, פאַשיזם און מילכאָמע; איז צווישן

אַ דעמאָנסטראַציע מיט מוטער מוני פון קינדער און דערוואַקסענע אין קעמפּ קינדערלאַנד.

זייערע פֿאָדערונגען פֿאַרקניפּט אויך די פֿאָדערונג צו באַפֿרייען מונין פֿון סוינעם הענט.

ס'מאַכט ניט אויס, וואָס פֿינף גאָווערנאָרס, סטעפענס, ריטשאַרדסאָן, יאָנג, ראָלף, מעריאַם, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַ־פֿרייען מונין. דאָס ציינט בלויז, אַז דער דרוק פֿון די אַרבעטער אָפּן געלט־זאַק איז נאָך געווען צו שוואַך.

דאַרף מען דריקן מער און שטייפֿער, אַז געלט־זאַק זאָל דערפֿילן. ער האָט ניט קיין אַנדער אויסוועג:

— טאָם מוני מוז זיין פֿריי.

בעסער פֿון אַלעמען פֿאַרשטייט עס מוני אַליין.

ער שרייבט פֿון טורמע אַזאַ בריוו:

„דער אַרבעטער אין אַמעריקע ווערט געשטויסן צו אַזאַ צושטאַנד פֿון שקלאַפֿעריי, פֿון וועלכן די קולים אין כינע און די לייב־אייגענע האָבן אַפֿילע ניט געוואוסט. אין דערזעלביקער צייט ווערן אַ הייפֿעלע געלט־זעק די ניט־געקרוינטע קעניגן פֿון דער וועלט. איך האָב אַנטקעגן דעם געקעמפֿט מיין גאַנץ לעבן און דערפֿאַר האָבן די אַרבעטער־סאָנים מיך אָפּגעראַמט פֿון וועג. כ'בין געוואָרן אַ סימבאָל פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכער קעמפֿט פֿאַר זיין לעבן און רעכט. דער קאַמף פֿאַר מיין באַפֿרייאונג קען ווערן דער מיטלפּונקט פֿון אַלע שווערע אַרבעטער־קאַמפֿן, קעגן אַרבעט־לאָזיקייט, לוין־שניטן און הונגער־טויט.“

און נאָך אַ בריוול שרייבט ער:

„וואָס גרעסער די דעמאָנסטראַציעס, וואָס העכער דער פּראָטעסט, אַלץ שנעלער וועל איך זיין פֿריי!“

אַלע מונים ברידער, אַלטע און יונגע, מוזן צוליינגן אַ האַנט.

דעמאָלט וועט מוני ווערן אויס געפֿאַנגענער 31,921. ער וועט זיין פֿריי...



31921

נומער 3

אונדזערע העלדן און פירער

ווער איז געווען

סטיוו קאַטאַוועס

פון

י. אַ. ראָנטש

פ א ר ל א ג
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק

Copyrighted by
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Ave., New York, N. Y.
1935

209

1.

באַ מיר אין הויז איז געווען פינצטער. די עלעקטריק האָט ניט געאַרבעט. איך האָב געפּרואווט אַריינדרייען אַ נײַ לעמפּל, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַ מיין שאָכן האָט אויך ניט געברענט קיין ליכט. וואָס־זשע טוט מען? מע דאַרף אַראָפּגיין אין קעלער און זען דעם „הענדי־מען". לויף איך אַראָפּ אין קעלער. דאָרט איז היים און פאַר־שטיקט. דער גרויסער אויוון האַלט אָפן ס'רויטע פייערדיקע מויל און וויל — קוילן־שפּייז, נאָך און נאָך.

— כאַווער דזשאָרדזש, אין אונדזער הויז איז אויסגעגאַנגען די עלעק־טריק. וואָס טוט מען?

— וואָס מע טוט? גיי אַריין צו סטיוון, כאַווער. אויב ער איז ניטאָ, קום צוריק, וועל איך אויסגעפינען. זאָרג זיך ניט, באַלד וועט זיין ליכט.

אונדזער הויז איז אַנדערש פון אַלע איבעריקע הייזער. מיר האָבן ניט קיין לענדלאָרד איבער זיך. עס איז אַ הויז געבויט פון אַרבעטער פאַר אַרבעטער. דאָ וואוינען זיבן הונדערט פּוּפציק פאַמיליעס. מיר זיינען אַלע כאַווײרים. סיי די וואָס וואוינען דאָ, סיי די וואָס אַרבעטן דאָ. אונדזער הויז געפינט זיך אין די בראָנקס, ניו יאָרק, קעגנאיבער דעם באָטאַנישן גאָרטן און עס הייסט: די אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע.

כאַווער דזשאָרדזש איז דער פייערמאַן און כאַווער סטיוו איז געווען דער „הענדימען". געפונען כאַווער סטיוון, אים דערציילט. ער האָט געזאָגט:

— ביסט געקומען פּונקט אין צייט. זיך געקליבן גיין צו אַ מיטינג. גוט. איך וועל גלייך אויסגעפינען, ווייל דזשאָרדזש דאַרף אויפפּאַסן אָפן אויוון. עס ווערט קאַלט, האַ? אין די הייזער וואו ס'איז ניטאָ קיין וואַרעמקייט, מוז זיין שרעקלעך, האַ? בלויז דזשאָרדזשן איז גוט אין ווינטער — ער דאַרף אָפילע זיין רעקל אויסטאָן, אַזוי היים איז אים דאָרט.

סטיוו האָט זיך צעלאַכט און די אויגן זיינע האָבן אַ פינקל געטאָן.

סטיוו האָט זיך אַ פּאָרקע געטאָן באַם סוויטש־באָרד און ס'איז טאַקע באַלד אומעטום ליכטיק געוואָרן.

איינמאָל, זונטיק אין דער פרי, קלאַפּט מען אָן אין טיר. — „אַריין!" — רוף איך אויס. די טיר עפנט זיך און ס'קומען אַריין צוויי מענטשן. איך גיב אַ קוק: אַן עלטערע פרוי און סטיוו.

— וואָס וועט איר זאָגן גוטס? — פרעג איך זיי.

— היינט איז בײַ אונדז אין דער קאָלאָניע אַ הויז־זאַמלונג פאַר דער „פרייהייט", — רופט זיך אָפּ דער שמייכלענדיקער סטיוו. — גיב, כאַווער, וויפל דו קענסט.

— איך וועל געבן — זאָג איך — אויב דו, סטיוו, וועסט פאַר מיר עפּעס איבערלייענען פון דער „פרייהייט", זאָל זיין כאָטש איין שורע.

די פרוי לאַכט, סטיוו לאַכט אויך. מיר ווייסן, אַז ער איז אַ גריך און קען ניט קיין אידיש.

— גוט, — שפּאַסט סטיוו. ער נעמט די „פרייהייט", האַלט זי פאַר די אויגן און לייענט אױף ענגליש: — די „פרייהייט" איז אַן אַרבעטער־צייטונג, די איינציקע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־צייטונג אױף אידיש אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די באָסעס ווילן ניט די „פרייהייט", ווייל די „פרייהייט" וויל ניט די באָסעס. יעדער אַרבעטער דאַרף העלפן זיין אַרבעטער־צייטונג, ווייל זי העלפט אים זיך באַפרייען.

סטיוו לייגט אַוועק די צייטונג און זאָגט צו מיר אַזוי: — איך, אַ גריך, דו, אַ איד — אַלע אַרבעטער־ברידער. מיר קעמפן צוזאַמען אױף דער פּיקעט־ליין. דער באָס פאַרשקלאַפט אַלעמען גלייך. — דאַן נעמט סטיוו אַרויס פון דער הינטערשטער קעשענע אַ ביכל און ווייזט מיר, אַז ער גיט יעדע וואָך פאַר דער „פרייהייט" 25 סענט.

— יעדע קאָמוניסטישע צייטונג קעמפט פאַר אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרשקלאַפט, — זאָגט ער ערנסט, און פאַרשרייבט אױף אַ געדרוקטן ליסט מיין בייטראָג.

.2

אין אַ מאָנאַט אַרום, נאָכדעם ווי סטיוו איז געווען בײַ אונדז אין הויז און געזאַמלט געלט פאַר דער „פרייהייט", האָט עפּעס פּאַסירט מיט אים. ביז דאַן האָבן אים ניט קיין סאַך אַרבעטער געקענט. מיר האָבן בלויז געוואוסט זיין ערשטן נאָמען, סטיוו. אָבער באַלד האָבן טויזנטער און טויזנטער אַר־בעטער אין ניו יאָרק און אַפילו איבערן גאַנצן לאַנד אויסגעפונען, אַז דער

„הענדי־מען”, וואָס האָט געאַרבעט אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אין די בראָנקס, האָט זיך פאַרדינט, אַז זיין נאָמען זאָל געדענקט ווערן און געערט ווערן אומעטום.

היינט געפינען מיר באַ אונדז אין לאַנד, אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע, אַ סאַך מאָנומענטן אַף סקווערן. דאָס זיינען מאָנומענטן פון גענעראַלן אָדער פּרעזידענטן, וואָס האָבן אַ סאַך אויפגעטאָן פאַר די רייכע, אָבער פאַר די אָרימע האָבן זיי בלויז שלעכטס געטאָן.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען אַראָפּגעוואָרפן די דענקמעלער פון די צאַרן און גענעראַלן און מע האָט אַף זייער אָרט אַרויפגעשטעלט מאָנומענטן צו די, וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן דעם אַרבעטער־קלאַס. דאָסזעלבע וועלן מיר טאָן דאָ, אין אַמעריקע, ווען מיר וועלן האָבן אַ סאָוועטן־רעפּובליק. דאַן וועט אַף יוניאָן סקווער, מיסטאָמע, שטיין דער מאָנומענט פון דעם אַרבעטער־אימיגראַנט סטיוו קאַטאָוועס, וואָס האָט געטאָן זיין טייל צו העלפן באַפרייען אַמעריקע פון די רויבער, די קאַפּיטאַליסטן.

ווי קומט סטיוו קאַטאָוועס קיין אַמעריקע? ווער האָט אים געבראַכט אַהער? וואָס האָט מיט אים דאָ פּאַסירט? וועגן דעם וועט איר אויס־געפינען ווייטער.

.3

סטיוו איז געבאָרן געוואָרן אַף אַ פאַרם אין גריכנלאַנד. ווען ער איז נאָך קיין צען יאָר ניט אַלט געווען, איז זיין טאַטע, דער פאַרמער, געשטאָרבן. די מאַמע איז איבערגעבליבן מיט אַכט קליינע קינדער. וואָס האָט זי געקענט טאָן? קיין געלט האָט דער טאַטע ניט איבערגעלאָזט. ער איז געווען אָרעם באַם לעבן און נאָך זיין טויט איז די אָרעמקייט אין הויז געוואָרן נאָך גרעסער. די מאַמע איז געווען רעליגיעז און זי האָט געטרוימט, אַז איר סטיוו וועט אַמאָל זיין אַ פּריסטער. זי וועט אים שיקן לערנען. איצט האָט זי אים געמוזט שיקן אַפּן פעלד, אַרויסהעלפן די עלטערע ברידער.

אַליין איז די מאַמע אוועק אַרבעטן אַף אַן אַנדער פאַרם. באַלד האָט דער צען־יאָריקער סטיוו געמוזט פאַרלאָזן זיין היים, ווייל ער האָט געדאַרפט פאַרדינען זיין ברויט ערגעץ אַנדערש וואו, ווייט פון דער היים, פון זיין באַליבטער מוטער.

סטיוו האָט געאַרבעט פאַר פרעמדע, אַף זעגל־שיפלעך, און יעדע איבעריקע פעני געשיקט אַהיים. צו זעכצן יאָר האָט ער זיך פאַרדונגען אַף

אַ דאַמפּער, וואָס איז געפאָרן קיין אייראָפּע. ער האָט געוואָלט פאַרדינען אַ סאַך און ער האָט שווער געאַרבעט. ער איז געווען אַ מאַטראָס, זיך אויסגעלערנט זיין אַ קוכער און אַ הייצער אויף אַ שיף. דעם קאַפּיטאַן איז סטיווס אַרבעט געפעלן געוואָרן, נאָר מער געלט האָט סטיוו פאַר זיין אַרבעט ניט באַקומען. פאַרקערט, וואָס ווייטער, אַלץ שווערער האָט ער געמוזט אַרבעטן.

סטיוו האָט געהערט, אַז אין אַמעריקע אַרבעט מען זיך אַרויף, ווען מע אַרבעט שווער. האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע.

אין יאָר 1913 איז סטיוו אָנגעקומען קיין ניו יאָרק. ער איז דאַן אַלט געווען 23 יאָר. וואָלט ער געווען אין גריכנלאַנד, וואָלט ער שוין געווען אַ סאָלדאַט. סטיוו האָט שוין דאַן געהאַט פאַרשטאַנען, אַז די רייכע שיקן די אַרבעטער אין מילכאָמע אַריין און אַליין בלייבן זיי אין דער היים און ווערן נאָך רייכער.

עס האָט אָבער אַזוי פּאַסירט, אַז סטיוו האָט אין ניו יאָרק געליטן נויט און ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן און זיך אָנגעשלאָסן אין דער נייווי פאַר צוויי יאָר. דאָרט האָט ער אָבער אַזוי געליטן פון דער מיעסער באַהאַנדלונג פון די אָפיצירן, אַז ער איז אַנטלאָפן.

סטיוו האָט ווידער געאַרבעט אויף שיפן. אין 1921 האָט ער אָנטייל גענומען צום ערשטן מאָל אין אַ סטרייק פון די שיף־הייצערס. דאַן האָט ער ערשט פאַרשטאַנען, אַז דער פּלאַץ פון יעדן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער איז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין איר.

פון דאַן אָן איז סטיוו געווען באַשעפטיקט בא פאַרשיידענע אַרבעטן. ער איז געוואָרן אַ טעקסי־טרייבער, ער איז געווען באַשעפטיקט אויף שיפן, נאָר זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז געווען די פּאַרטיי־אַקטיוויטעט.

אין 1927 האָט ער זיך געטראָפן אין ניו יאָרק מיט זיין אַלטן פריינט דזשאָרדזש.ביידע האָבן דאַן באַקומען אַרבעט אין דער אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אין די בראָנקס. ווי איר ווייסט שוין, איז דזשאָרדזש געוואָרן דער פייערמאַן און סטיוו — דער „הענדי־מען". ביידע זיינען געווען צופרידן. זיי האָבן זיך געפונען צווישן אייגענע כאַווירים און זיי האָבן געאַרבעט געטריי, ווייל די קאָלאָניע באַלאַנגט צו די אַרבעטער.

סטיוו האָט זיין גאַנצע פרייע צייט איצט אָפּגעגעבן צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער און דזשאָרדזש זיינען געוואָרן שטאַרק אַקטיוו אין דער יוניאָן פון זייער פאַך. סטיוו האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ ברענטש פון דער איי. על. די. אין דער קאָלאָניע. ער האָט אויך אָרגאַניזירט דעם ספּאַרטאַקוס קלוב פון גריכישע אַרבעטער. דער קלוב עקזיסטירט נאָך היינט־צו־טאָג.

סטיוו האָט ליב געהאַט צו לערנען שפּראַכן. ווי שטאַרק פאַרנומען ער איז געווען, האָט ער דאָך געפונען צייט צו לערנען זיך די ענגלישע שפּראַך. ער האָט אויך געקענט שפּאַניש און איטאַליעניש. די שפּראַכן זיינען אים צונויץ געקומען צו העלפן אָרגאַניזירן די אַרבעטער, וואָס האָבן גערעדט יענע שפּראַכן.

דאָס איז נאָך סטיוון געווען ווינציק. ער האָט געוואָלט אָניאָגן אין בילדונג דאָס וואָס ער האָט ניט דערלערגט, ווען ער איז געווען אַ קינד. ער האָט זיך פאַרשריבן אין אַן אָוונט־שול און געוואָלט שטודירן צו ווערן אַן עלעקטרישער אינזשינער. ער האָט געטרוימט צו פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט געוואָלט דערגרייכן אַזויפיל זאַכן. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, ליב געהאַט די אַרבעט, ליב געהאַט צו קעמפן פאַר אַ נייער, בעסערער, שענערער וועלט...

4.

אין הויף האָב איך געטראָפן סטיוון. ער האָט גערעדט צו אַ קאָאָפּע־ראַטאָר. איך האָב זיך באַגריסט מיט אים. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט אַלס אַ צייכן, אַז איך זאָל זיך אָפּשטעלן.

— כאַווער, אויב דו האָסט נאָר צייט, פאַרגעס ניט צו קומען צו דער דעמאָנסטראַציע פון דער שפּייז־אַרבעטער יוניאָן מאָרגן אָוונט. מיר וועלן אַלע צוזאַמען אַרויספאָרן מאָרגן פונדאַנען צו מילערס מאַרקעט.

וואָס פאַרא דעמאָנסטראַציע איז דאָס געווען ? די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין גראָסעריס און אין פּרוכט־קראָמען, האָבן פאַרדינט זייער ווינציק און זיי האָבן געאַרבעט זייער לאַנגע שטונדן. די אינדוסטריעלע יוניאָן פון די שפּייז־אַרבעטער האָט אָנגעפירט סטרייקס צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער. מע האָט דורכגעפירט גרויסע פּיקעט־דעמאָנסטראַציעס. דאָס האָט געהאָלפן. די קרעמער האָבן פאַרלאָרן ביזנעס. זיי האָבן געזען, אַז זיי וועלן מוזן נאָכגעבן די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער. עס האָט זיך זיי ניט געוואָלט דאָס טאָן. האָבן זיי באַשלאָסן צו ברעכן די סטרייקס מיט דער הילף פון דער פּאָליציי און די געריכטן.

איר ווייסט, אַז די געזעצן פון לאַנד דאַרפן דינען אַלעמען גלייך. עס איז אָבער ניט אַזוי. די געזעצן העלפן שטענדיק אַרויס די רייכע. האָבן די באַסעס אַרויסגענומען אַן אינדזשאַנקשאַן קעגן די סטרייקערס, אַזוי אַז זיי זאָלן ניט קענען פּיקעטן.

די אַרבעטער פון דער קאָאָפּעראַטיװער קאָלאָניע האָבן באַשלאָסן צו העלפן די סטרייקנדיקע שפּײַז־אַרבעטער. דער באַלעבאָס פון מילערס מאַרקעט, אויף 161סטער גאַס און יוניאָן עװעניו, בראָנקס, האָט ניט געװאָלט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער און ער האָט אַרויסגענומען אַן אינדזשאָנקשאָן, אַז מע זאָל ניט קענען פּיקעטן, אַזוי אַז די אַרבעטער זאָלן פאַרלירן זייער ברויט. דעם אינדזשאָנקשאָן האָט פאַר אים אַרויסגענומען דער סאָציאַליסטישער פירער טשאַרלס סאָלאָמאָן, װאָס איז אַ לאָיער. דאָס האָט געמיינט, אַז דער סאָציאַליסט העלפט ברעכן דעם סטרייק, אַז ער פאַרקויפט זיך צו דעם באָס מילער.

די אַרבעטער האָבן באַשלאָסן צו פּיקעטן מילערס מאַרקעט און ניט מוירע האָבן פאַרן אינדזשאָנקשאָן. פון דער קאָאָפּעראַטיװער קאָלאָניע זיינען אַרויס אַ דרייסיק אַרבעטער, צװישן זיי איז אויך געװען סטיװ קאַטאָװעס. ער האָט געשמייכלט צופרידן, װי ס'איז געװען זיין נאַטור, װען ער האָט געזען, אַז די אַרבעט גייט זיך איין.

— גיט מיר אַ פּלאַקאַט צו טראָגן. איך האָב ניט מוירע פאַר דער קעלט. לעבעדיק, באַװיירים, אויף דער פּיקעט־ליין. װײַזט אַרויס אייער סאָלידאַריטעט צו די סטרייקנדיקע שפּײַז־אַרבעטער, ס'מאַכט ניט אויס װאָס אייער אַרבעט איז! — אַזוי האָט גערעדט און גערופן סטיװ צו די אַרבעטער, װעלכע ער האָט באַגעגנט אויפן װעג.

ער האָט מיטאַמאָל דערזען אַ קאָאָפּעראַטאָרקע, װאָס איז געגאַנגען מיט איר קינד אַהיים. ער איז צו צו איר מיטן פּלאַקאַט אין האַנט און געזאָגט:

— באַװאָרטע, איך בין הײַנט ניט געװען בײַ אייך, װײַל איך האָב געדאַרפט באַשטעלן נייע קראַנען פאַר אייער װאַנע. ניט געזאָרגט, די ערשטע זאַך מאָרגן פרי, װעל איך זיין בײַ אייך. װאָס מאַכט די בייבי? אָ, זי איז שוין אַ גרויסע טאָכטער. גוד־באַי, מיר גייען פּיקעטן. אַ שאָד, װאָס איר קענט ניט מיטגיין.

סטיװ האָט זיין װאָרט ניט געהאַלטן, װי מיר װעלן עס שפּעטער זען.

5.

די אַרבעטער זיינען אָנגעקומען צו מילערס מאַרקעט פאַרנאַכט, װען מע גייט פון דער אַרבעט. אַרום דעם מאַרקעט זיינען געשטאַנען פּאָליסלייט מיט זייערע קלאָבס. זיי זיינען געװען בייז און אָנגעפּרעסן.

די אַרבעטער האָבן באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן אַ מיטינג קעגנאיבער. איינער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַ בענקל און אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם סטרייק. באַלד איז צוגעקומען אַ פּאָליסמאַן, זיך דורכגעשטופּט צווישן אויילעם און אויסגעשריען: — העי, האָסט אַ פּערמיט?

דער רעדנער האָט אים געענטפערט: — מיר האָבן אָפּגערופן אין פּאָליס־סטאַנציע, אַז מיר ווילן דאָ אָפּהאַלטן אַ מיטינג. קיין פּערמיט דאַרפן מיר ניט.

דער פּאָליסמאַן איז אַוועקגעגאַנגען צוריק אויף דער צווייטער זייט, צום מאַרקעט. דער באַלעבאָס פון מאַרקעט האָט אים אַריינגערופן צו זיך און עפּעס מיט אים גערעדט. באַלד איז דער פּאָליסמאַן אַרויסגעקומען און ווידער צוגעקומען צום מיטינג, וואָס איז געוואָרן גרעסער.

ווייזט אויס, אַז דער באַלעבאָס האָט אים געהייסן צעטרייבן דעם מיטינג, ווייל דאָס האָט אים געשטערט אין זיין געשעפט. (דער פּאָליסמאַן, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון דעם בירגערס געלט, דינט אָבער בלויז די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים.)

דער פּאָליסמאַן איז פּלוצלונג צוגעגאַנגען צום רעדנער און אים געוואָלט מיט איין האַנט אַראָפּשלעפּן פון בענקל און מיט דער צווייטער האַנט אים דערלאַנגען מיטן קלאָב. פאַרוואָס? ווייל אַזוי האָט דער באַלעבאָס פון מאַרקעט געוואָלט. דאָס האָט אויפגערעגט די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צום רעדנער.

סטיוו קאַטאָוועס איז געווען אַ שטילער מענטש. נאָר ער האָט ניט געקענט שטיין און צוקוקן ווי מע שלאָגט אַן אַרבעטער, אַ כאַווער. סטיוו איז צוגעלאָפן צום פּאָליסמאַן און געשטעלט זיך צווישן אים און דעם רעדנער.

— דו האָסט ניט קיין רעכט אים צו שלאָגן. ער איז קיין פאַרברעכן ניט באַגאַנגען. — אַזוי האָט סטיוו געזאָגט צום פּאָליסמאַן. נאָר דער פּאָליס־מאַן האָט געוואָלט אַ זעץ טאָן סטיוון מיטן קלאָב איבערן קאָפּ. סטיוו האָט זיך פאַרטיידיקט, דערלאַנגט דעם פּאָליסמאַן אַ שטופּ צוריק. דער פּאָליסמאַן האָט ווידער געוואָלט דערלאַנגען סטיוון מיטן קלאָב איבערן קאָפּ. סטיוו האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קלאָב און אים אַוועקגעוואָרפן.

מיטאַמאָל איז דער באַלעבאָס מילער אַרויס פון דער קראָם און ער האָט געשריען צום פּאָליסמאַן:

— שיס! שיס אין זיי אַלע!

די אַרבעטער האָבן זיך ניט געוואָלט שלאָגן. זיי האָבן געוואָלט געווינען

דעם סטרייק, קריגן מער געלט פאַר זייער אַרבעט און אַרבעטן ווינציקער שטונדן.

נאָר אָט האָבן די פּאָליסלייט און די דעטעקטיווס, וואָס האָבן זיך געפונען באַ דער קראָם, אַרויסגעצויגן זייערע רעוואָלווערן און אָן אַ וואָרנונג אָנגעהויבן שיסן אין די מענער און פרויען אַרבעטער, וואָס האָבן דורכגעפירט דעם מיטינג.

די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן לויפן, די קוילן האָבן זיי נאָכגעיאָגט. די קוילן זיינען געווען שנעלער. אַ קויל האָט געטראָפן איין אַרבעטער, בלוט האָט זיך געגאָסן פון אים און באַפלעקט דעם טראָטואַר. אַ קויל האָט געטראָפן אַ צווייטן און ער איז אַוועקגעפאַלן, נאָר אַף אַלע פיר דערקראָכן צו אַ הויז.

און אָט איז געפאַלן נאָך איינער, וואָס האָט געטראָגן אַ פּלאַקאַט און דער פּלאַקאַט איז געפאַלן מיט אים. דאָס איז געווען סטיוו קאַטאָוועס. ער האָט זיך אויסגעצויגן אַפן טראָטואַר און זיך ניט געקענט רירן פון אָרט.

דאַן איז געוואָרן שטיל. דער מיסטער מילער איז אַריין צו זיך אין קראָם און אַרויסגעקוקט. אַ פרוי איז צוגעלאָפן צו דעם ליגנדיקן סטיוון, איינשטעלנדיק איר לעבן, און געפּרואווט אויפהייבן זיין קאָפּ. זי האָט אויסגעטאָן איר מאַנטל און געוואָלט אַרומוויקלען דעם קרעכצנדיקן סטיוון. אַ פּאָליסמאַן איז צו צו איר און זי גראָב אַוועקגעשטויסן.

די פּאָליסלייט האָבן סטיוון אַריינגעשלעפּט אין אַ דראָג-סטאָר. ווען דער פּאַטראָל-וואָגן איז אָנגעקומען, האָבן זיי סטיוון אַריינגעוואָרפן אין אים און דער פּאָליסמאַן האָט אים נאָך אַ בריק געטאָן מיטן פוס. סטיוו האָט געשוויגן...

6.

אַכט טעג און אַכט נעכט איז סטיוו געלעגן אין שפּיטאָל. מע האָט צו אים קיינעם פון זיינע פריינט ניט צוגעלאָזט. בלויז אַ פּאָליסמאַן איז געשטאַנען לעבן זיין בעט. האָבן זיי מוירע געהאַט אַז סטיוו וועט אַנטלויפן? זיי האָבן געוואוסט, אַז ער וועט באַלד שטאַרבן. נאָר עס האָט געהייסן, אַז סטיוו איז דער אַרעסטאַנט, דער שולדיקער. ניט דער פּאָליסמאַן וואָס האָט אים דערמאָרדעט, ניט דער באָס מילער, וואָס האָט געהייסן שיסן, נאָר דער אָרימער סטיוו, וואָס איז געקומען העלפן זיינע כאַווירים-אַרבעטער געווינען זייער גערעכטן סטרייק...

ערשט ווען דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז סטיוו האַלט באַם שטאַרבן, האָט מען צוגעלאָזט צו אים זיין פריינט. דאָס איז געווען פרייטיק נאַכט, יאַנואַר דעם 24סטן, 1930. סטיוו האָט געוואוסט, אַז ער שטאַרבט און ער האָט געזאָגט צו זיין פריינט:

— איך שטאַרב, כאַווער. זאָג די כאַוויירים, אַז זיי זאָלן פאָרזעצן דעם קאַמף — אָרגאַניזירן די אַרבעטער.

סטיוו, דער „הענדי־מען", האָט מער ניט פאַרריכט קיין סינקס אין קאָ־אָפּעראַטיוו, מער ניט ליכטיק געמאַכט אונדזער וואוינונג, ווען די עלעקטריק איז קאַליע געוואָרן.



סטיוו קאַטאָוועס אויפן טויטן-בעט

נאָך זיין טויט האָט אויפגעעפנט די אויגן פון טויזנטער און טויזנטער פאַרפינצטערטע אַרבעטער און זיי געוויזן אַ נייַ ליכט, אַ ליכט פון קאַמף פאַר זייער באַפרייאונג.

דעם נעקסטן טאָג, שאַבעס, האָבן זיך טויזנטער אַרבעטער פון ניו יאָרק פאַרזאַמלט לעבן סיטי האָל צו פּראָטעסטירן צום מעיאָר קעגן זיינע מערדערישע פּאָליסלייט.

דער טשיף פון דער פּאָליס פון ניו יאָרק איז דאַן געווען גראָווער ווע‏ילען, וועלכער איז פריער געווען דער מענעדזשער פון דער גרויסער וואַנאַמייקער דעפּאַרטמענט סטאָר, וואָס פאַרשקלאַפּט טויזנטער אַרבעטער.

גראָווער ווע‏ילען האָט געמיינט, אַז ער וועט אַלע אַרבעטער פון ניו יאָרק קענען באַהאַנדלען אַזוי ווי זיינע שקלאַפן אין וואַנאַמייקערס. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט דערלויבן צו האָבן קיין דעמאָנסטראַציעס אָדער גאַסן־מיטינגען. ווען מע האָט אים געזאָגט, אַז דאָס געזעץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן דערלויבט יאָ צו האָבן פרייע דעמאָנסטראַציעס, האָט ער געענטפערט:

— באַ מיר איז דאָס געזעץ אין פּאָליסמאַנס קלאָב.

די דעמאָנסטראַציע לעבן סיטי האָל, האָט געזאָגט ווײלען, וועט ניט אָפּגעהאַלטן ווערן. נאָר ער האָט געמאַכט אַ טאָעס. צוויי הונדערט קאַפּס און אַ סאַך דעטעקטיווס האָבן געהיט דעם סיטי האָל. איבער טויזנט מענער און פרויען און קינדער זיינען געקומען פּראָטעסטירן קעגן דעם מאָרד אויף דעם אַרבעטער קאַטאָוועס. רעדנער האָבן גערעדט. פּאָליס האָט געשלאָגן. די רייטער האָבן געטריבן דעם עולם, נאָר באַלד האָט אַ רעדנער ווידער גערעדט און די פּאָליציי האָט ווידער געשלאָגן. איבער אַ שאָ האָט אָנגעהאַלטן דער פּראָטעסט. ווײלען האָט אויסגעפונען, אַז אַרבעטער שרעקן זיך ניט אָפּ פאַר זיינע מערדער־פּאָליסלייט.

7.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך געגרייט צו באַערדיקן איר געטרייען מיטגליד סטיוו קאַטאָוועס. ניט באַווײנען אים, נאָר ווייזן אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַרבעטער, ווי עס איז געשטאָרבן אַ קעמפער, טוענדיק זיין פּראָלעטאַרישע פליכט.

פּאָליס קאָמישאָנער גראָווער ווײלען האָט ניט געוואָלט געבן קיין פּערמיט דורכצופירן די לעוויע איבער די גאַסן פון ניו יאָרק. ער האָט געוואוסט, אַז מיליאָנען מענטשן וועלן געדענקען מיט ליבע קאַטאָוועסעס נאָמען און זיין אייגענער נאָמען וועט פאַרשאָלטן ווערן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געזאָגט, אַז די אַרבעטער וועלן באַערן קאַטאָוועסן — דעם געפאַלענעם קעמפער, און זיי וועלן מאַרשירן צו דער לעוויע — יאָ פּערמיט, צי ניט פּערמיט. און אַזוי איז טאַקע געווען.

די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען פון ניו יאָרק האָבן געוואָלט אָפּשרעקן די מענטשן, האָבן געוואָלט מע זאָל וואָס שנעלער פאַרגעסן וועגן קאַטאָוועסן. זיי האָבן געשריבן, אַז מע זאָל ניט מאַרשירן, ווייל ס׳איז קיין פּערמיט ניטאָ. זיי האָבן געשריבן, אַז גראָווער ווײלען האָט אָנגעגרייט מאַשין־ביקסן...

די אַרבעטער זיינען געקומען. איבער פופציק טויזנט אַרבעטער זיינען געקומען באַגלייטן סטיוו קאַטאָוועסן. די פּאָליציי מיט ווײלענען זיינען אויך געקומען — מיט זייערע בלעקדזשעקס און פּיסטאָלס. דער יוניאָן סקווער האָט ניט געקענט אַרויפנעמען אַזויפיל אַרבעטער.

— זע נאָר! צו דער לעוויע פון אַ פּראָסטן אַרבעטער זיינען געקומען אַזויפיל טויזנטער מענטשן! ווער איז ער געווען? וואָס האָט ער געטאָן? — אַזוי האָבן די צייטונגען געשריבן מיט פאַרדרוס.

וואָס האָט דאָן געטראַכט דער באָס מילער? וואָס האָט דאָן געקלערט דער מערדער־פּאָליסמאַן הערי קיריץ, וואָס האָט דערשאָסן קאַטאָוועסן? קאַטאָוועסעס נאָמען איז געווען אױף אַלעמענס ליפּן, אין אַלעמענס הערצער.

דער טויטן־מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן. פאָרויס האָט מען געטראָגן דעם טויטן־קאַסטן, דראַפּירט אין רויט, מיטן סערפּ און האַמער אויסגענייט. פאָרויס זיינען געגאַנגען קאַטאָוועסעס צוויי ברידער, טשאַרלס און פּאָל. פאָרויס איז אויך געגאַנגען קאַטאָוועסעס בעסטער פריינט דזשאָרדזש.

געגאַנגען זיינען אַרבעטער, אַלט און יונג. אַמעריקאַנער, אידן, איטאַ־ליענער, גריכן, דייטשן. אַלע וואָס האָבן געהאַט קעמפעריש בלוט אין זייערע אָדערן. געגאַנגען זיינען ווייסע, נעגערס, כינעזער. מע האָט געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער. מע האָט געוואָרפן לאָזונגען צו די אַרבעטער וואָס זיינען געשטאַנען אױף די טראָטואַרן. מע האָט פּראָטעסטירט קעגן ווערלענס מערדער־פּאָליסלייט. די פּאָליס האָט געהערט און געשוויגן. זיי האָבן געוואוסט, אַז די פופציק טויזנט אַרבעטער האָבן ניט קיין מוירע פאַר זיי.

אַזוי האָט זיך די לעווייע געצויגן איבער דער לענג פון ניו יאָרק. מיליאָנען מענטשן האָבן געזען און דערפילט, אַז סטיוו קאַטאָוועס וועט ניט פאַרגעסן ווערן, אַז ער וועט בלייבן לעבן אין די קאַמפן פון די אַרבעטער פאַר אַ סאָוועטן־אַמעריקע.

היינט־צו־טאָג געפינען זיך אַ סאַך אָרגאַניזאַציעס אין אַלע טיילן פון לאַנד וואָס רופן זיך אָפּ נאָמען פון סטיוו קאַטאָוועס. מיר האָבן סטיוו קאַטאָוועס ברענטשעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, קינדער־ברענטשעס, ברענטשעס פון דער איי. על. די. און אַנדערע.

מיר ווייסן, אַז עס וועט ניט דויערן לאַנג און מיר וועלן דערגרייכן דאָס, פאַר וועלכן סטיוו האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן. אַמעריקע וועט ווערן דאָס לאַנד פון די אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער.

דער נאָמען סטיוו קאַטאָוועס וועט דאַן זיין צווישן די העלדן פון לאַנד. מע וועט אַ נאָמען געבן גאַסן נאָך אים. מע וועט אים שטעלן מאָנומענטן.

דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיינע העלדן ניט פאַרגעסן. דער אַרבעטער סטיוו קאַטאָוועס איז ניט געשטאָרבן אומזיסט. מיר וועלן פאָרזעצן זיין אַרבעט.

פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

שול-ביכער:

אַרבעטער שול — פאַרן ערשטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן. 160 זייטן, געבונדן. פרייז 60 סענט. פאַר שולן 30 סענט.

אַרבעטער שול
פאַרן צווייטן יאָר. צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן; 160 זייטן, געבונדן. פרייז 70 סענט. פאַר שולן 35 סענט.

אַרבעטער שול—פאַרן דריטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון ב. פרידמאַן. 192 זייטן, געבונדן. פרייז 80 סענט, פאַר שולן 40 סענט.

אַרבעטער שול—פאַרן פערטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון נ. קאַמענעצקי און מ. שיפּרים. 208 זייטן, געבונדן. פרייז $1.00. פאַר שולן 50 סענט.

שטאָט
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אונדזער שול
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אַמעריקע
פאַרן 4טן לערניאָר (64 זייטן). פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

ערשטער מיי
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 10 סענט. פאַר אונדזערע שולן 5 סענט.

צום נייעם לעבן
פאַרן דריטן לערניאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר שולן 15 סענט.

7טער נאָוועמבער
פאַרן 4טן לערניאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אַרבעט און קאַמף
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 40 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע ביכער:

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אָרדן
געשיכטע, אויפגאַבן, צילן, פון מ. אָלגין. 58 זייטן. פרייז 25 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 10 ס.

סאָוועטן-פאַרבאַנד בויט סאָציאַליזם
פון מלך עפּשטיין. מיט אילוסטראַציעס (128 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר ברענטשעס פון א. אַ. אָ. 15 סענט.

סאָציאַלע פאַרזיכערונג
(אין אַמעריקע און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און אין סאָוועטן-פאַרבאַנד). פון ש. אַלמאַזאָוו. 96 זייטן. פרייז 40 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 15 סענט.

די מלחמה-געפאַר
פון אַלעקסאַנדער ביטלמאַן. 78 זייטן. פרייז 20 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרב. אָרדן 10 סענט.

קאַפּיטאַליזם—סאָציאַליזם—קאָמוניזם
אַ קורס פון 15 לעקציעס. 96 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרב. אָרדן 25 ס.

רעוואָלט מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע
פון י. סולטאַן. 128 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר אונדזערע מיטגלידער 30 ס.

פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם
פון פּ. נאָוויק. 153 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר אונדזערע ברענטשעס 25 ס.

קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום
פון קלמן מרמר. 432 זייטן. פרייז $2.00. פאַר אונדזערע ברענטשעס $1.00.

מאַרקסיסטישע שטודיר-קורסן

1. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָ-לוציע.
2. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד און דער טשאַרטיזם.
3. די רעוואָלוציע פון 1848 אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך.
4. די פּאַריזער קאָמונע.
5. די אַרבעטער באַוועגונג אין ענג-לאַנד פאַרן וועלט-קריג.

8. און 9. עקאָנאָמישע קריזיסן (1טער און צווייטער טייל). 48 זייטן. פּרייז 15 סענט אַ לעקציע. פאַר מיטגלידער פון אָרדן 10 סענט.

שיינע ליטעראַטור:

„מיט געזאַנג צום קאַמף"

(לידער מיט נאָטן), צוזאַמענגעשטעלט און באַארבעט פון יעקב שייפער. פּרייז $1.00. פאַר מיטגלידער פון א. אַ. אָ. און פּ. ג. פּ. 45 סענט.

רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַטאָר

צוזאַמענגעשטעלט פון קלמן מרמר און וויליאַם איבראַמס. 336 זייטן. פּרייז $1.25. פאַר אָרדן מיטגלידער 75 סענט.

קינדער-מייסעלעך

כאַוועער לעניןן האָט געזאָגט. דער פאַב-ריק-קוימען סטרייקט. דער ערשטער גענעראַל. בירא-בידזשאַן. מאָטעלע פון דאָרף איקאָר. די מילכאָמע אין ניו-יאָרק — פון שלמה דאַווידמאַן. זומער אין קינדערלאַנד. מיר פאָרן אין אַר-טעף טעאַטער — פון א. לייב.

פאַר וועמען האָט היימים טאַטע געשטימט?

פון מ. שיפרים. פּרייז 2 פאַר 5 סענט.

די קינדער פון טשערי סטריט

פון כאַוועער פאַוועער. פּרייז 3 סענט.

וואו איז דיין טאַטע אין אַזאַ שפּעטער שאָ?

פון כאַוועער פאַוועער. פּרייז 2 סענט.

לענין ווייזט דעם וועג

פון מ. שיפרים. פּרייז 3 סענט.

די רעוואָלוציע וועט קומען

פון מ. שיפרים. פּרייז 3 סענט.

מאָרים ווינטשעווסקי

אַ לייענביכל. פּרייז 2 פאַר 5 סענט.

פון יענער זייט טייך

(אַ מייסע) פון כאַוועער פאַוועער. פּרייז 75 סענט. פאַר שולן 40 סענט.

„לאַבזיק"

70 סענט. פאַר שולן 35 סענט.

„ניו יאָרק"

אַרבעט-פּראָיעקט, אַרויסגעגעבן פון מיטלשול גראַדואיר-קלאַס פון 1930. פּרייז 1 דאָלאַר. פאַר שולן 50 סענט.

„קינדערלאַנד"

(זשורנאַל). 10 סענט אַ נומער. פאַר שולן 5 סענט.

פאָלגנדע ביכער זיינען אין דרוק:

די געשיכטע פון אַרבעטער-קלאַס אין אַמעריקע

פון מלך עפּשטיין.

אונזערע העלדן —

ביאָגראַפיעס

א) טשאַרלס רוטענבערג,— י. א. ראָנטש
ב) טאָם מוני — — — פון א. מויזל
ג) קלאַראַ צעטקין — פון י. א. ראָנטש

„אידיש"

שפּראַך-ביכל פאַרן 4טן קלאַס עלעמענ-טאַר שול און ערשטן קלאַס מיטלשול— פון א. בערגמאַן און א. גאָלדבערג.

INTERNATIONAL WORKERS ORDER, Inc.
80 Fifth Avenue New York, N. Y.

נומער 4

אונדזערע העלדן און פירער

קלארא צעטקין

פון

י. א. ראָנטש

פארלאג
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק

Copyrighted by
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Ave., New York, N. Y.
1 9 3 5
209

1. אַ מיידעלע וואָס זעט, הערט און פֿאַרשטייט

עס איז געווען לאַנג צוריק, אין דעם יאָר 1857. אין אַ שטעטל אין דייטשלאַנד האָט זיך געלעבט אַ לערער, וואָס האָט געלערנט אין דער דאָרפֿישער שול. ער האָט געהאַט אַ סאַך קינדער, מיט וועלכע ער האָט געלערנט. ער איז ניט געווען שטרענג צו זיי, נאָר זיך געכאַוועט מיט זיי, ווי אַן עלטערער פֿריינט.

אין יענעם יאָר האָט זיך זיין פֿרוי אים געבאָרן אַ טעכטערל, קלאַראַ. אַ קינד ווי אַלע קינדער. געוויינט און געלאַכט, און ווידער געוויינט. באַטאָג און באַנאַכט. קיינער האָט ניט געוואוסט פֿאַרוואָס. ווי אַלע פּיצעלעך קינדער.

וואָלט ניט געווען וואָס צו דערציילן, ווען קלאַראַ וואָלט אויסגעוואַקסן אַזוי ווי אַלע קינדער פֿון איר שטעטל. וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קלאַראַ טראַכט ניט בלויז וועגן זיך אַליין, וועגן עסן, קליידער און אייגענע פֿאַרגעניגנס, נאָר זי האָט אויך אין זינען די קינדער און דערוואַקסענע, וועלכע זי זעט אַרום זיך.

אין איר שטעטל זיינען געווען אַ סאַך פֿאַמיליעס, וואָס האָבן געאַרבעט יעדן טאָג זייער שווער, באַ אַלערליי אַרבעטן, פֿון פֿרי ביז פֿאַרנאַכט. ניט בלויז האָט דער טאַטע געאַרבעט, נאָר אויך אַלע קינדער, וואָס זיינען אַלט גענוג צו קענען מיטאַרבעטן. אַפֿילו קינדער פֿון אַכט יאָר האָבן געדאַרפֿט שווער אַרבעטן, אַנשטאָט זיך צו שפּילן און לערנען. אַלע האָבן געאַרבעט, דאָך איז ניט געווען גענוג שפּייז אין הויז, גענוג קליידער פֿאַר יעדערן.

קלאַראַ האָט געוואָלט אויסגעפֿינען פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי. זי האָט געפֿרעגט אַ סאַך פֿראַגעס איר טאַטן און מאַמען. פֿאַרוואָס זיינען די אַרבעטער אָרים? פֿאַרוואָס דאַרפֿן די קליינע קינדער אַרבעטן? פֿאַרוואָס זיינען זיי בלאַס? די רייכע קינדער גייען שיין אויסגעפּוצט און דאָך דאַרפֿן זיי ניט אַרבעטן. פֿון וואַנען האָבן זיי אַלע גוטע זאַכן? פֿאַרוואָס וואוינען זיי אין די שענסטע הייזער?

קלאַראַס פֿאָטער האָט איר דערציילט וועגן דער רעוואָלוציע, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דייטשלאַנד אין דעם יאָר, ווען אַרבעטער זיינען אויפֿגעשטאַנען קעגן זייערע אונטערדריקער. קלאַראַס מוטער איז געווען אַ פֿראַנצויזישע, האָט זי דער טאָכטער דערציילט וועגן דער פֿראַנצויזישער רעוואָ-

לוציע און איר אויסגעלערנט זינגען די מארסעליעזע.

א סאך קינדער האבן ליב צו לייענען אלערליי ביכער, וואס זאלן זיי אמוזירן. קלארא האט דאס אויך ליב געהאט. נאר זי האט פארשטאנען, אז ביכער, גוטע ביכער, זיינען גוטע פריינט און זי האט אין די ביכער געוואלט געפינען אן ענטפער אף די פראגעס, וואס האבן איר מערסטנס אינטערע־סירט.

ווען זי איז אלט געווען צוועלף יאר, האט זי געהאט צוויי בעסטע ביכער־פריינט: איין בוך איז געווען די געשיכטע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע און דאס צווייטע — די געשיכטע פון קאמף פאר פרייהייט פון די שווייצארן. ווי איר זעט, האט זי געוואלט אז מענטשן זאלן זיין פריי, זיין גליקלעך; עס זאלן ניט זיין קיין שקלאפן און קיין הערשער, קיין ארים און רייך.

קלארא איז אלט געווען 14 יאר, ווען אירע עלטערן האבן זיך אריבער־געקליבן אין דער גרויסער שטאט לייפציק, קעדיי די קינדער זאלן זיך קענען לערנען אין העכערע שולן. צו 19 יאר האט קלארא אויסגעהאלטן דעם עקזאמען פאר לערער און זי האט אנגעהויבן זוכן א שטעלע צו פארדינען איר אייגן ברויט. אין יענער צייט האט זי באקומען נייע פריינט, פריינט פון וועלכע זי האט געקענט א סאך לערנען וועגן דעם ווי אזוי צו באפרייען די אונטערדריקטע. זי האט זיך באקענט מיט רוסישע סטודענטן, וואס האבן געמוזט אנטלויפן פון זייער אייגן לאנד, ווייל זיי זיינען געווען רעוואלו־ציאנערן. זיי האבן אויפגעקלערט די רוסישע ארבעטער און פויערים, אז מע דארף אראפווארפן דעם צאריזם און די צארעלעך — די פאבריקאנטן און די פריצים און די גאלאכים, וואס זיינען אלע געווען די גרעסטע סאנים פון די ארימע, ווייל זיי האבן טאקע געמאכט, אז די ארבעטער און פויערים זאלן זיין ארים.

2. קלארא ווייס שוין, וואס מע דארף טאן

קלארא האט פארשטאנען, אז ס'איז ניט גענוג צו וויסן וועגן דעם, אז די רייכע זיינען די סאנים פון די ארבעטער און ארימע. וויסן אליין איז ניט גענוג. מע דארף אויך טאן. מע דארף זען, אז עס זאלן ניט זיין מער קיין באלעבאטים און קיין שקלאפן.

די ארבעטער, וואס האבן דאס פארשטאנען, האבן באלאנגט אין יענער צייט צו דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי אין דייטשלאנד. קלארא איז געווארן א סאציאליסטקע. איר גאנצע פרייע צייט האט זי אפגעגעבן צו

באַקומען די בילדונג, וואָס די רעגירונג־שול האָט איר געגעבן. זי האָט געלייענט סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און שטודירט וועגן דער לאַגע פון אַר־בעטער־קלאַס און ווי אַזוי אים צו באַפרייען.

די רייכע פלעגן ניט שיקן זייערע קינדער אין די שטאָטישע שולן. זיי איז ניט אָנגעשטאַנען אַז זייערע קינדער זאָלן זיך צוזאַמענקומען מיט קינ־דער פון אָרימען שטאַנד. זיי האָבן צוגענומען לערער פאַר זייערע קינדער צו זיך אין הויז אַריין. קלאַראַ איז געוואָרן די לערערקע אין הויז פון אַ פאַבריקאַנט, אַן עקספּלואַטאַטאָר.

וואָס דענקט איר האָט קלאַראַ געטאָן? זי האָט דעם רייכנס קינדער טאַקע געלערנט ווי צו שרייבן, לעזן און אַריפמעטיק און געאָגראַפיע, אַזוי ווי די רייכע עלטערן האָבן געוואָלט. נאָר קלאַראַ האָט די קינדער אויך געלערנט עפּעס, וואָס די עלטערן האָבן שוין גאָרניט ניט געוואָלט. זי האָט זיי געלערנט דעם עמעס וועגן זייערע אייגענע עלטערן, אַז זיי זיינען באַרוי־בער און באַדריקער, אַז די עלטערן, וואָס אַרבעטן אין זייער טאַטנס פאַב־ריקן, האָבן ניט גענוג ברויט פאַר זייערע קינדער.

קלאַרא איז געווען זייער אַ גוטע לערערקע. די קינדער האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט און ווען זייער טאַטע האָט קלאַראַן געוואָלט אָפּזאָגן פון דער שטעלע, דערפאַר וואָס זי האָט געלערנט די קינדער זאַכן וואָס זיי דאַרפן ניט וויסן, — וואָס דענקט איר האָבן די קינדער געטאָן? די קינדער פון פאַבריקאַנט האָבן דערקלערט אַ סטרייק דעם אייגענעם טאַטן! זיי האָבן געזאָגט, אויב קלאַרא וועט אַוועקגיין, וועלן זיי אויך מיטגיין מיט איר.

— ווען אימיצער אַנדערש וואָלט געוואַגט אַרויסזאָגן אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען בא מיר אין הויז, וואָלט איך אים אַרויסגעוואָרפן גלייך אַפן אָרט. מער וואָלט זיין פוס ניט געטאָרט דאָ זיין! נאָר ווען איר, קלאַרא, וועט אַוועק, וועלן אייך מיינע מיידלעך נאָכגיין, — אַזוי האָט געזאָגט דער פאַבריקאַנט.

דערויף האָט אים קלאַרא אַזוי געענטפערט: — ווען די אַרבעטער־מאַסן וועלן איבערנעמען די מאַכט אין זייערע הענט און זיי וועלן אייך כאַפּן און מישפּטן פאַר אייער פאַרשקלאַפן און באַרויבן די אַרבעטער, וועל איך זיך פאַר אייך ניט אָננעמען.

קלאַרא האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז אָפּגעבן איר צייט פאַר די אַרבעטער איז וויכטיקער ווי צו לערנען מיט די קינדער פון רייכע, כאָטש זי האָט עס געמוזט טאָן, קעדיי זיך צו דערנערן. זי האָט באַשלאָסן זיך אַוועקצולאָזן איבער דערפער און אויפקלערן די פויערים און לערנען זייערע קינדער וועגן סאָציאַליזם.

אין יענער צייט האָט זיך די אָרימקייט איבערן לאַנד פאַרגרעסערט און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן איינזען, אַז דער איינציקער וועג צו באַפרייען זיך, איז צו אָרגאַניזירן זיך און קעמפן צוזאַמען קעגן דער הערשאַפט פון די רייכע.

די דייטשע רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַרן צאָרן פון די אַרבעטער און אין 1878 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו פאַרבאָטן אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַרבעטער האָבן מער ניט געטאָרט אָפּהאַלטן קיין מיטינגען, ניט געטאָרט לייענען קיין אַרבעטער ביכער. די רעגירונג האָט פאַרמאַכט 45 אַרבעטער צייטונגען, אַרעסטירט טויזנטער סאָציאַליסטן און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געוואָרן אונטערערדיש.

קלאַרא האָט כאַסענע געהאַט מיט דעם סאָציאַליסטישן פירער אָסיפּ צעטקין. ער האָט איצט געמוזט אַנטלויפן אין דער שווייץ, קעדיי זיך צו ראַטעווען פון דער פּאָליציי. קלאַרא האָט אויך געמוזט פאַרלאָזן איר געבורט־לאַנד. זי איז אַרומגעפאָרן איבער עסטרייך און איטאַליע, געלערנט קינדער פון רייכע, קעדיי זיך צו קענען דערנערן, און אומעטום און שטענדיק

געטאָן רעוואָלוציאָנערע ארבעט. אין 1882 איז זי אַנגעקומען אין דער שווייץ, צו איר מאַן, אין דער שטאָט ציריך, וואָס איז דאַן געווען דער צענטער פון די רעוואָלוציאָנערן.

אין ציריך האָט מען ארויסגעגעבן די צייטונג „סאָציאַל־דעמאָקראַט" און זי אין געהיים אריבערגעפעקלט קיין דייטשלאַנד, וואו זי איז פארשפּרייט געוואָרן אין די פאַבריק־שטעט צווישן די ארבעטער.

3. קלאַראַ ווערט אַ מאַמע — און אַ רעדנערקע

קלאַראַ און איר מאַן פאָרן קיין פּאַריז, פראַנקרייך, וואו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווען שטאַרק פארשפּרייט. דאָרט שטודירן זיי צוזאמען דעם „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", וועלכן קאַרל מארקס און פרידריך ענגלס האָבן געהאַט אָנגעשריבן אין יאָר 1847, צען יאָר איידער קלאַראַ איז געבאָרן געוואָרן.

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט קלאַראַן באַוויזן, אַז וואָס מער דער קאַפּיטאַליזם וועט זיך אַנטוויקלען, אַלץ מער וועט זיך פארשטאַרקן דער קאַמף פאַר דעם ארבעטערס באַפרייאונג און דערפאַר איז נויטיק די פאַראייניקונג פון די ארבעטער אויף דער גאַנצער וועלט. — פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט, פאַראייניקט אייך! (מיט דעם אויסרוף ענדיקט זיך דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט".)

אין פּאַריז באַקענט זיך קלאַראַ מיט מארקס'עס טאָכטער, לאַורא לאַפּאַרג, און צוזאמען פּרואוון זיי אָרגאַניזירן אַ קלוב פון פרויען־סאָציאַליסטן. אין יענער צייט פּלעגט זיך נאָך די פרוי ווינציק וואָס מישן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. קלאַראַ האָט פארשטאַנען, אַז אָן דער פרוי וועט מען ניט קענען בויען קיין סאָציאַליזם, אַז זי מוז אַנטייל נעמען אין קלאַסן־קאַמף אזוי ווי דער מאַן, ווייל דער קאַפּיטאַליזם האָט זי געמאַכט פאַר אַן אָפּגעשטאַנענער באַשעפעניש, פאַר נידעריקער פונעם מאַן.

קלאַראַ האָט געוויזן אַ ביישפּיל פון זיך, אַז די פרוי קען זיין אזוי אַנטוויקלט ווי דער מאַן. זי איז שוין דאַן געווען אַ מאַמע פון צוויי אינגלעך. זי האָט געדאַרפט אויפפּאַסן אויף זיי, זיך זאָרגן פאַר דער באַלעבאַטישקייט אין הויז, קאָכן, ראַמען. דאָך האָט זי געפונען גענוג צייט זיך צו אַנטוויקלען און צו שטודירן מאַרקסיזם, באַזוכן פאַרזאַמלונגען און שרייבן ארטיקלען פאַר די ארבעטער צייטונגען.

די פאַמיליע צעטקין איז געווען זייער אָרעם. אָסיפּ האָט פאַרדינט זיין ברויט דורך מאַכן איבערזעצונגען. נאָר ניט שטענדיק האָט ער געקראָגן

ארבעט. איינמאָל, ווען מאַמע קלאַרא האָט געבאָדן איר קינד, איז אַריינגעקומען די פּאָליציי און איר געהיים נעמען די קינדער און פאַרלאָזן די וואוינונג. פאַרוואָס? דערפאַר ווייל זי האָט ניט געהאט איינגעצאָלט קיין דירע־געלט, האָט דער באַלעבאָס פון הויז גערופען די פּאָליציי און זי האָט קאָנפיסקירט אַלץ וואָס האָט באַלאַנגט צו די צעטקינ׳ס. קלאַרא האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס הויז אין איין קליידל.

אָסיפּ איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען צווישן באַקאַנטע צו לייען געלט און ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן קלאַראן מיט די קינדער אויף דער גאַס. זיי האָבן ניט געהאט וואו זיך אַהינצוטאָן. ערשט אין אָוונט האָט זייערע אַ באַקאַנטע, אַ רוסישע רעוואָלוציאָנערקע, זיי אָפּגעגעבן איר צימער און אַליין אַוועק שלאָפן צו פריינט.

שווער איז געווען קלאַראַס לעבן. זי האָט געליטן נויט, נאָר זי איז געווען צופרידן. די רעוואָלוציאָנערע ארבעט איז פאַר איר געווען אַלץ. און ארבעט איז געווען איבערן קאָפּ און קלאַרא האָט פאַרשטאַנען ווי וויכטיק די ארבעט איז און זי האָט פאַרגעסן אָן זיך אַליין, אין איר אייגענעם געזונט. דאָס האָט ניט געטויגט. זי איז טאַקע קראַנק געוואָרן אויף דער פּראָלעטאַרישער קרענק (טובערקולאָז).

אירע עלטערן אין לייפּציק האָבן זיך דערפון דערוואוסט און זיי האָבן געבעטן, אַז קלאַרא זאָל קומען צו זיי זיך אויסרוען. זי איז געקומען מיט אירע קינדער. נאָר לאַנג רוען האָט קלאַרא ניט געקענט. באַלד האָבן זיך די ארבעטער דערוואוסט, אַז קלאַרא איז דאָ און מע האָט אין געהיים אַראַנזשירט מיטינגען מיט איר.

דאַן איז קלאַרא צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן האַלטן אַ לעקציע פאַר די ארבעטער. זי האָט אַ סאַך געלערנט און אַ סאַך געקענט, דאָך האָט זי מוירע געהאַט צו האַלטן אַ לעקציע פאַר הונדערטער ארבעטער. זי האָט עס אָבער געטאָן, זיך אַביסל צעטומלט, נאָר זי האָט זיך צוגעוואוינט און זי איז געוואָרן אַ פייערדיקע רעדנערקע.

ווען זי האָט געדאַרפט האַלטן אַ לעקציע פלעגט זי מיטנעמען אירע צוויי קינדער. די קינדער פלעגט מען אויסבעטן אין דעם מיטינג־פּלאַץ. אויף דער גאַס פלעגן שטיין פּיקעטס, אָנצוזאָגן צי עס קומט ניט די פּאָליציי און קלאַרא פלעגט האַלטן די לעקציע. נאָך דער לעקציע פלעגן ארבעטער איר העלפן אַהיימטראָגן די שלאָפנדיקע קינדער. דער פּאָליציי האָט ניט געקענט איינפאַלן, אַז די פרוי איז אַ „געפערלעכע" רעוואָלוציאָנערקע.

קלאַרא איז געזונט געוואָרן און צוריקגעקומען קיין פּאַריז און זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער ארבעט.

אין 1889 איז קלאַראַ אַ דעלעגאַט צום ערשטן צוזאַמענפֿאַר פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז. זי איז דאָן אַרויס־געטראָטן מיט אַ רעדע וועגן דער וויכטיקייט פֿון אַריינציִען די אַרבעטער פֿרוי אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זי האָט אַ סאַך אַרויסגעהאָלפֿן דעם צוזאַמענפֿאָר אַלס אַן איבערזעצערקע. זי האָט גוט געקענט דייטש, פֿראַנ־צויזיש, ענגליש, איטאַליעניש.

אָרעמקייט און נויט ברענגען אַזויפֿיל אומגליק אין אַרבעטער לעבן. קלאַראַס מאַן און כּאַוועך, אָסיפּ, האָט געהונגערט, אָפֿט ניט דערשלאָפֿן פֿון צופֿיל אַרבעט פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס אַלץ האָט אונטער־געגראָבן זיין געזונט. ער איז אַוועקגעפֿאַלן. צוויי יאָר צייט איז ער געלעגן קראַנק אין בעט און שוין מער ניט אויפֿגעשטאַנען. ער איז געשטאָרבן יונגער־הייט, האָבנדיק אַוועקגעגעבן זיין לעבן פֿאַר דעם אַרבעטער־קלאַס.

קלאַראַ איז געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער.

4. קלאַראַ צעטקין אָרגאַניזירט די אַרבעטער־פֿרוי אין אַלע לענדער

דער דייטשער אַרבעטער איז געוואָרן אַנטוויקלטער. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט וואָס איז געטאָן געוואָרן אין געהיים, האָט באַוויזן דער דייטשער רעגירונג, אַז מע קען דעם פֿרייהייט־גייסט פֿון די אַרבעטער ניט דערשטיקן.

די רעגירונג איז געצוואונגען געוואָרן אָפּצושאַפֿן איר אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ. קלאַראַ איז צוריק געקומען קיין דייטשלאַנד אָנצופֿירן מיט דער אַרבעט. זי האָט שוין דאָן געהאַט אַ נאָמען פֿאַר איינער פֿון די בעסטע אַגיטאַטאָרס און רעדנערס.

קלאַראַ האָט זיך איצט אַ נעם געטאָן צו דער שווערסטער אַרבעט. דאָס איז געווען צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער־פֿרוי. ניט בלויז האָט קאַפּיטאַליזם דערנידעריקט די אַרבעטער־פֿרוי, נאָר אַפֿילו אייגענע אַרבעטער־מענער און רעוואָלוציאָנערן האָבן נאָך אין יענער צייט ניט געקענט זיך פֿאָרשטעלן, אַז די פֿרוי זאָל אָנטיילנעמען אין דער באַוועגונג, גלייך מיטן מאַן.

מיר קענען זיך פֿאָרשטעלן ווי שווער עס איז אָנגעקומען קלאַראַן צו קעמפֿן. די אַרבעטער־פֿרוי אַליין האָט אויך געדענקט, אַז איר פּלאַץ איז אין דער היים און זי דאַרף זיך ניט מישן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, גיין צו מיטינגען, און אַז. וו.

קלאַראַ פֿאַנגט אָן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל פֿאַר פֿרויען. „גלייכהייט" הייסט דער זשורנאַל. זי איז דער רעדאַקטאָר פֿון דעם זשורנאַל. און באַלד

ווערט דער זשורנאַל דער לערער און פריינט פון טויזנטער און טויזנטער דייטשע אַרבעטער־פרויען, וועלכע ווערן אַריינגעצויגן אין דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג.

אָבער עס איז נויטיק געווען אַריינצוציען די אַרבעטער־פרוי פון אַנ־דערע לענדער אין אַרבעטער־קאַמף און קלאַרא הייבט אָן אַ באַוועגונג צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער־פרויען אַף דער גאַנצער וועלט.

אין 1907 ווערט אַ דאַנק קלאַרא צעטקינען און טאַקע מיט איר הילף אָרגאַניזירט דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר פון די סאָציאַ־ליסטישע פרויען אין דער שטאָט שטוטגאַרט.*) אין 1910 קומט פאָר דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־צוזאַמענפאָר אין קאָפּענהאַגן. עס ווערט באַשלאָסן צו גרינדן אַ שטענדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אָנצופירן מיט דער סאָציאַליסטישער אַרבעט צווישן די אַרבעטער־פרויען. קלאַרא צעטקין ווערט אויסגעקליבן פאַר סעקרעטאַר. דער זשורנאַל „גלייכ־הייט" ווערט דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער פרויען־באַוועגונג. און בא יענעם צוזאַמענפאָר ווערט אויך באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן דעם אַכטן מערץ פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן טאָג פון דער אַרבעטער פרוי.

די אַרבעט צווישן די אַרבעטער פרויען איז אָנגעגאַנגען מיט גרויס דער־פאָלג ביז דער וועלט־מילכאָמע. דאַן איז די אָרגאַניזאַציע צעשטערט גע־וואָרן, נאָר די אַרבעט גייט אָן מיט גרויס דערפאָלג היינט צו טאָג.

5. די מילכאָמע „צו ענדיקן מילכאָמעס"

ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן האָבן די פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאַראַטן די אינטערעסן פון זייער אַרבעטער־קלאַס און זיי האָבן געשטימט צו העלפן דעם בלוטיקן קייזער און די קאַפּי־טאַליסטן אָנצופירן די מילכאָמע. זיי האָבן דורך דעם געהאָלפן, אַז עס זאָל פאַרגאָסן ווערן אומשולדיק בלוט פון מיליאָנען אַרבעטער.

די איינציקע פירער אין דייטשלאַנד וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן און זיינען ניט מיטגעריסן געוואָרן פון דער מילכאָמע־מעשוגאַס, זיינען געווען קאַרל ליבקנעכט, ראָזאַ לוקסעמבורג און קלאַרא צעטקין. זיי האָבן בראַוו געקעמפט קעגן דער מילכאָמע און איינגעשטעלט יעדן טאָג זייער לעבן פאַר

---

*) באַם שטוטגאַרטער קאָנגרעס אין 1907 האָט זי זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט לענינען. ראָזע לוקסעמבורג האָט צו איר געזאָגט: „כאַפּ אַ גוטן קוק אַף אים. באַטראַכט זיין אָקשאָנעסדיקן קאָפּ. דער מענטשן וועט פּרוּוון איבערקערן בערג. עפּשער וועלן זיי אים צעדריקן, נאָר ער וועט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעבן!"

דעם ארבעטער קלאַס אױף דער גאַנצער װעלט.

אין 1915 פאַרופט קלאַרא צעטקין די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע פרויען־קאָנפערענץ קעגן מילכאָמע. דאָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט בערן, אין דער שװייץ. צוריקקומענדיק סיין דייטשלאַנד װערט זי אַרעסטירט און אַריינגעװאָרפן אין טורמע. זי איז שוין אַלט און קראַנק, נאָר זי טראַכט אפילע ניט װעגן אויפגעבן דעם קאַמף. זי הייבט אים ערשט אָן.

זי אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט ליבקנעכטן, לוקסעמבורגן און פראַנץ מערינגן אַ נייע ארבעטער פּאַרטיי, װאָס זאָל דינען די עמעסע אינטערעסן פון די אַרבעטער. די פּאַרטיי הייסט דער „ספּאַרטאַקוס־בונד" און פון דער אָרגאַניזאַציע װאַקסט אויס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד.

צוזאַמען מיט כאַװער לעגינען העלפּט זי גרינדן דעם דריטן אינטער־נאַציאָנאַל — די אָרגאַניזאַציע װאָס העלפּט איינפירן די פּראָלעטאַרישע אָרדענונג אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

קלאַרא צעטקין נעמט איבער די פרויען־אַרבעט באַם קאָמינטערן און אונטער איר פירערשאַפט װערט אָרגאַניזירט אַ פרויען־סעקרעטאַריאַט באַם קאָמינטערן.

ניט געקוקט אױף איר עלטער איז זי אָבער אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי פון באַפרייאונג־קאַמף און זי באַטייליקט זיך אין פאַרשידענע מיסיעס פון קאָמינטערן. אַזוי האַלט זי אַ צװיי־שטונדיקע רעדע אין פראַנקרייך, אין דער צייט װען זי װערט אַרומגעזוכט פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי און זי אַנטלויפט אין אַן אַטאָמאָביל איבער דער גרענעץ קיין דייטשלאַנד.

פון דעם יאָר 1920 איז זי אַ מיטגליד פון דייטשן רייכסטאַג, װאו זי פאַרטרעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

אין 1921 קומט קלאַרא אין סאָװעטן פאַרבאַנד. זי װערט אויפגענו־מען מיט גרויס פרייד אומעטום און זי פילט זיך גליקלעך, װאָס זי האָט דער־לעבט צו זען אַ זעקסטל טייל פון דער װעלט באַפרייט פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך.*)

װען די פאַשיסטישע כװאַליע כאַפּט אַרום דייטשלאַנד אין 1932 און עס הויבט זיך אָן אַ טעראָר אױף דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג, איז קלאַרא צעטקין שוין 75 יאָר אַלט. זי איז שװאַך און האַלב־בלינד, דער רייכסטאַג דאַרף זיך עפענען. קלאַרא איז דער עלטסטער רייכסטאַג מיטגליד. זי דאַרף האַלטן די דערעפענונג־רעדע (אַזוי פלעגט זיך פירן אין דייטשלאַנד). װעט

---

*) קלאַרא צעטקין איז געװען פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיװע פון מאָפּר (אינטערנאַציאָנאַלע רויטע הילף).

זי עס קענען באַווייזן ? וועלן די פאַשיסטן זי לאָזן ? די גאַנצע וועלט וואַרט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם אפן 30סטן אויגוסט, 1932, ווען דער רייכסטאַג עפנט זיך.

קלאַרא צעטקין איז אַ געטרייער סאָלדאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ווען דער מאָמענט איז געקומען און זי האָט געהאַט די געלעגנהייט צו לאָזן הערן איר שטים, איז קלאַרא געווען אין דער פּאָדערשטער ריי פון קאַמף.

קלאַרא צעטקין

פאַר איר טויט

קלאַרא איז געקומען געהיימערהייט פון מאָסקווע אין רייכסטאַג אַריין. מע האָט ניט געוואוסט וואו זי איז. די פאַשיסטן האָבן געמיינט, אַז זי וועט ניט קומען. זי איז יאָ געקומען. זיי האָבן געמיינט, אַז זי וועט זיין צו שוואַך צו רעדן, נאָר איר רעדע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן געמיינט, אַז זי וועט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, נאָר זי האָט געזאָגט אַ סאַך, גאָר אַ סאַך.

און אפילע די ביטערסטע סאָנים פון פּראָלעטאַריאַט האָבן געמוזט

צוגעבן, אז קלאראס אויפטריט און רעדע איז געווען אן אקט פון בראווקייט און איבערגעבנקייט, וואס בלויז קאמוניסטן קענען דאס באווייזן.

אין א קרעפטיקער שטים, וואס האט איבעראשט אלע אנוועזנדיקע און מיט א פייער וואס האט זיך געפאסט פאר דער קלארא, ווען זי איז געווען

יונג, האָט זי גערעדט אַרום אַ שאָ צייט און האָט אָנגערופן די פאַשיסטן מיט זייער ריכטיקן נאָמען.

זי האָט געשטעמפּלט די נאַצי־פּאַרטיי ווי אַ פּאַרטיי פון מערדער און זי זי האָט דורכן רייכסטאַג גערופן צו די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט צו שליסן אַ פאַרייניקטן פראָנט קעגן די פאַשיסטישע מערדער.

מע האָט געדאַרפט האָבן באָלשעוויסטישן מוט צו זאָגן זיי דאָס גלייך אין פּאָנעם אריין. און קלאַראַ האָט געוואוסט, אַז דאָס רעדט זי ניט בלויז צו זיי, נאָר יעדעס וואָרט אירס ווערט גלייך דורך טעלעגראַף און ראַדיאָ צעטראָגן איבער אַלע ווינקלען פון דער וועלט. זי האָט גערעדט צו די מיליאָנען אונטערדריקטע אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

זי האָט געזאָגט צו די אַרבעטער פון דער וועלט, אַדרעסירנדיק דעם פאַשיסטישן רייכסטאַג: — „אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז דער איינ־ציקער אויסוועג פון קריזיס”.

זי האָט געענדיקט איר רעדע מיט די היסטאָרישע ווערטער: „איך וויל דערלעבן דעם טאָג, ווען עס וועט פּראָקלאַמירט ווערן אַ סאָוועטן־דייטשלאַנד און איך וועל עפענען דעם ערשטן קאָנגרעס פון סאָוועטן אין דייטשלאַנד.”

אירע ווערטער האָבן געלאָזט אַ גרויסן איינדרוק אַף דער וועלט. נאָר זי האָט דעם טאָג פון דער רויטער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד ניט דער־לעבט. זי איז געשטאָרבן אין סאָוועטן פאַרבאַנד, אַרום מאָסקווע, יוני דעם 20סטן, 1933, אַרומגערינגלט פון מיליאָנען פריינט, ווייל עס איז ניטאָ קיין קינד אין סאָוועטן פאַרבאַנד וואָס האָט ניט געוואוסט און ניט געשעצט די אייביק יונגע אַלטע קלאַרא צעטקין.

ווען עס איז פאָרגעקומען די לעווייע אין מאָסקווע האָבן פרויען־שלאָג־לערנס געהאַלטן אַן ערן־וואך פאַר „אונזער קלאַרא”. גאַנץ סאָוועטן פאַר־באַנד האָט געערט איר אָנדענק.

די פירער פון קאָמינטערן האָבן גערעדט וועגן איר און דערציילט וועגן איר גרויסער אַרבעט פאַר דער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע און פאַר־שקלאַפטע.

כאַווער מאַרטי האָט גערעדט אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע פון קאָמינטערן און ער האָט זיך געזעגנט מיט איר אין נאָמען „פון די אַרבעטער אַף דער גאַנצער וועלט און פון די פאַרשקלאַפטע קאָלאָניאַלע פעלקער”.

אין נאָמען פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער דייטשער העלדישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי האָט גערעדט פריץ העקערט. ער האָט געענדיקט אַזוי:

„מיר שווערן, אַז מיר דייטשע קאָמוניסטן, וועלן ניט רוען ביז דער פאַשיזם וועט צעטראָטן ווערן אונטער אונזערע פיס. ווען דער ערשטער

דייטשער סאָוועטן קאָנגרעס וועט זיך עפענען, וועלן מיר נעמען דיין אַש און שטעלן אַפן פאָרזיצערס טיש. ראָט פראָנט, קלאַרא!"

מיר ווייסן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד האַלט וואָרט און זי וועט, מיט דער הילף פון די אַרבעטער אַף דער גאַנצער וועלט, אויס־ראָטן דעם פאַשיזם אין דייטשלאַנד.

און ווען עס וועט זיך פאַרזאַמלען דער ערשטער סאָוועטן קאָנגרעס אין דייטשלאַנד, וועט קלאַרא צעטקין זיך געפינען באַם פאָרזיצערס טיש. יעדער קאָמוניסט און יעדער פּיאָנער און יעדעס קינד פון אַן אַרבעטער שול דאַרף זען און מיטהעלפן מיט אַלע קויכעס, אַז דער טאָג זאָל וואָס גיכער קומען. און ווען מיר וועלן אַרבעטן מיט אַזא איבערגעבנקייט, ווי עס האָט געאַרבעט קלאַרא צעטקין, וועלן מיר זיגן, מיר מוזן זיגן!

זאָל דאָס לעבן פון קלאַרא צעטקין אונז ווייזן דעם וועג פון קאַמף און זיג פון אַרבעטער־קלאַס.

פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

שול-ביכער:

אַרבעטער שול—פאַרן ערשטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן. 160 זייטן, געבונדן. פרייז 60 סענט. פאַר שולן 30 סענט.

אַרבעטער שול—פאַרן צווייטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן. 160 זייטן, געבונדן. פרייז 70 סענט. פאַר שולן 35 סענט.

אַרבעטער שול—פאַרן דריטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון ב. פרידמאַן. 192 זייטן, געבונדן. פרייז 80 סענט, פאַר שולן 40 סענט.

אַרבעטער שול—פאַרן פערטן יאָר
צוזאַמענגעשטעלט פון נ. קאַמענעצקי און מ. שיפרים. 208 זייטן, געבונדן. פרייז $1.00. פאַר שולן 50 סענט.

שטאָט
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אונדזער שול
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אַמעריקע
פאַרן 4טן לערניאָר (64 זייטן). פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

ערשטער מיי
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 10 סענט. פאַר אונדזערע שולן 5 סענט.

צום נייעם לעבן
פאַרן דריטן לערניאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר שולן 15 סענט.

7טער נאָוועמבער
פאַרן 4טן לערניאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

אַרבעט און קאַמף
פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 40 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 ס.

פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע ביכער:

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אָרדן
געשיכטע, אויפגאַבן, צילן, פון מ. אָלגין. 58 זייטן. פרייז 25 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 10 ס.

סאָוועטן-פאַרבאַנד בויט סאָציאַליזם
פון מלך עפּשטיין. מיט אילוסטראַציעס (128 זייטן). פרייז 35 סענט. פאַר ברענטשעס פון א. אַ. אָ. 15 סענט.

סאָציאַלע פאַרזיכערונג
(אין אַמעריקע און אַנדערע קאַפּיטאַ-ליסטישע לענדער, און אין סאָוועטן-פאַרבאַנד). פון ש. אַלמאַזאָוו. 96 זייטן. פרייז 40 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינט. אַרב. אָרדן 15 סענט.

די מלחמה-געפאַר
פון אַלעקסאַנדער ביטלמאַן. 78 זייטן. פרייז 20 סענט. פאַר ברענטשעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרב. אָרדן 10 סענט.

קאַפּיטאַליזם—סאָציאַליזם—קאָמוניזם
אַ קורס פון 15 לעקציעס. 96 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרב. אָרדן 25 ס.

רעוואָלט מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע
פון י. סולטאַן. 128 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר אונדזערע מיטגלידער 30 ס.

פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם
פון פּ. נאָוויק. 153 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר אונדזערע ברענטשעס 25 ס.

קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום
פון קלמן מרמר. 432 זייטן. פרייז $2.00. פאַר אונדזערע ברענטשעס $1.00.

INTERNATIONAL WORKERS ORDER, Inc.

80 Fifth Avenue **New York, N. Y.**

א. מייזל

די מאלי מעגווייערם

פ א ר ל א ג
אינטערנאציאנאלער ארבעטער ארדן

Copyright by the
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue
New York

209

די מאַלי מעגווייערס

א קאַפּיטל געשיכטע

פון דער

אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג

1

דער הונגער איז אַ בייזער פעטער. ער טרייבט פון שטוב.

אַ דאָרף אין אירלאַנד. אָרעמע פאַרם־שטיבלעך. דאָרטן האָט זיך איצט באַזעצט דער הונגער. אַ בייזער איז ער, אַ נאָגנדיקער, מיט גרויסע פוסטע אויגן. אַלע האָבן פאַר אים מוירע. ער האָט באַם פאַרמער איינגעצויגן דאָס הויט אַפן פּאָנעם, אויסגעטריקנט דאָס פלייש פון די ביינער. קינדער כליפּען: „עסן! ברויט! אַ קאַר—טאָ—פע—לע." טאַטעס און מאַמעס וויינען, קוקנדיק אַף זיי.

ס'איז דאָס יאָר 1848. אין אירלאַנד בושעוועט דער קאַרטאָפל־הונגער. אָרעמע פּויערים, פאַרשקלאַפט באַם ענגלישן פּאָרעץ, באַם ענגלישן קעניג און זיינע באַדינער, האָבן זיך ביז איצט געקענט שפּייזן מערסטנטייל מיט קאַרטאָפל. (דאָס איבעריקע האָט דער פּאָרעץ און די קרוין צוגענומען.) האַיאָר איז די קאַרטאָפל צעפוילט געוואָרן אַפן פעלד. הונגערט מען; מיטן ווייב און קינד.

שטאַרבן די שוואַכערע, ווי פליגן. די שטאַרקערע ווילן זיך נאָך ניט אונטערגעבן; זיי פּרואוון זיך ראַטעווען פון די לאַפּעס פון טויט. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג: וויט־ווייט פון דאַנען צו פאָרן, נאָר מיט אַ ריזיקער שיף צו דערגרייכן, אַף דער אַנדער זייט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, געפינט זיך אַ גליקלעך לאַנד. ברויט איז דאָרטן פאַראַן, און קאַרטאָפל. אָן אַ שיר פיש און פלייש. דער פּויער איז דאָרטן אינגאַנצן פריי: ניטאָ קיין פּאָרעץ, ניטאָ קיין קרוין. דער ענגלישער איז שוין מער דיין באַלעבאָס ניט; ער קען ניט טרינקען דיין בלוט.

פאַרקויפן פּויערים אַלץ, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן: דאָס אָרעמע שטיבל, דעם אויסגעמאָרעטן פערדל, דאָס לעצטע קישן, דאָס קלייד פון לייב. מאַסנווייז לויפט מען אַהין, אין יענעם לאַנד.

היינט באַדערנאַכט פאָרן אויך אוועק פון דאָרף די דאָפּיס און די דאָילס, די קעראָלס און די קעלים. דאָס שטיבל איז שוין אויסגעליידיקט. די שמאַטעס פאַרבונדן אין פּעק. אַף די פּעקלעך, ווי האָזן, זיצן די אומגעדולדיקע קינדער. די טיר פאַרמאַכט זיך ניט אַף קיין מינוט. שכיינים קומען אריין און גייען; מוירפּיס, אָברייענס, אָקאָנעלס און אַנדערע. מען געזעגנט זיך און טרערן גיסן זיך פון די אויגן: ווער מען זיך נאָך אַמאָל

זען, אָדער קיינמאָל ניט? דער הונגער ווינקט צו מיט גרויסע פוסטע אויגן:

— איך בין אַ בייזער פעטער! שווער זיך אַרויסצורייסן פון מיינע ביינערדיקע הענט...

די, וועלכע פאָרן איצט אַוועק אינעם גליקלעכן לאַנד, זיינען איצט אויך ניט פריילעך. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אין האַרצן פאַרקליבן אַן אומעט און אַ ביטערע בענקשאַפט: איבערלאָזן איצט דאָס שטיבל, וואו מען איז געבאָרן געוואָרן; דאָס שטיקל פעלד, אַף וועלכן טאַטעס, און זיידעס, און עלטער-זיידעס האָבן שווייס און בלוט פאַרגאָסן; שכיינים, מיט וועלכע מען האָט זיך אַלעמאָל אומעט און פרייד געטיילט. אויסוואַנדערן אין אַ ווייטן, פרעמדן, אומבאַקאַנטן לאַנד, איז שווער! זייער שווער...

אָבער, אַז דער בייזער פעטער טרייבט, איז וואָס קען מען זיך העלפן? שוין 5 יאָר, אַז עס ציט זיך דער קאַרטאָפל-הונגער. דעם פּאָרעץ גייט עס ניט אָן: ער מאָנט זיינע צינזן און שטייערן. די קרוין מאָנט אויך דאָס איריקע. ניטאָ קיין אַנדער אויסוואַל: אונטערגיין, אָדער ראַטעווען זיך, ווער עס קען! לויפן אַהין, אין יענעם לאַנד...

אָט זיצט מען איצטער, אין דער לעצטער מינוט, און מען דערמאָנט זיך מייסעס פון אַמאָליקע צייטן. עס רעדן אַלע צוזאַמען: מענער, פרויען און קינדער. אַ הו-האַ, אַ טומל. דער הונגער, מיט די פוסטע גלעזערנע אויגן, הערט זיך צו אַלץ צו און אַזוי ווי ער וואָלט צוגעוואונקען מיט אַ ביינערנער טרוקענער האַנט:

— וואָס געווען, איז געווען. עס רעכנט זיך ניט. דאָס לעצטע איז מיינס...

אַ וואָגן, געשפּאַנט מיט אַ פאַרמאָרעטן הונגעריקן פערדל, איז מיט אַ טרוקענעם סקריפּ צוגעפאָרן צו דער שטוב. פאַרנומען אַלעמען: די דאָפּיכ און דאָילס, די קעראָלס און קעלים, מיט זייערע פעקלעך, אַוועקגעפירט זיי צום האַפן פון אַטלאַנטיק, צו דער גרויסער ריזיקער שיף, וועלכע איז גע-שטאַנען גרייט אָפּצופאָרן אין דעם ווייטן, גליקלעכן לאַנד...

2

דער ענגלישער פּאָרעץ און דער אַמעריקאַנער באָס — ביידע גלייך. דער פעטער הונגער וואוינט אויך דאָ אין לאַנד.

ווינגט זיך די שיף אַף די אַטלאַנטישע בייזע כוואַליעס. סאָפּעט שווער. שניידט דורך שוימיקע וואַסער-בערג, אַ וועג פאַר הונגעריקע עמיגראַנטן צום ווייטן זאַטן לאַנד.

וואָכ אַ טאָג — אַלץ ווייטער פון דעם גרינעם אינדזל, אירלאַנד, וואָס איז ביז איצט געווען זייער היים. ווייטער פונעם בייזן פעטער, וועלכער האָט די לעצטע קאַרטאָפל פון מויל אַוועקגענומען; אַלץ נעענטער צום זאַטן לאַנד.

ענדלעך — מען זעט שוין ערד. אַ שוואַרץ פינטעלע פון דערווייטנס. אירלענדישע עמיגראַנטן, קעראַלס און קעלים, דאַפּיס און דאַילס, ווערן אויפגערעגט און צעטומלט. מען שטרענגט אָן די אויגן; מען שטופּט זיך קאָפּ אויף קאָפּ: אָן!! אָט יענעם פינטעלע וועט זיין זייער היים...

די שיף האָט זיך ענדלעך צוגעאַנקערט צום ברעג. די עמיגראַנטן, מיט זייערע פּעק און בינטלעך, זיינען אַרונטער. געשטעלט זייערע ערשטע טריט אויף דער נייער ערד.

דאָרטן האָבן שוין אויף זיי געוואַרט פאַרשיידענע אַגענטן; אַ גרויסער טייל עמיגראַנטן איז געקומען אַהער פאַרדונגענע צו פאַרשיידענע קאָמפּאַניעס. די אַגענטן פון די קאָמפּאַניעס האָבן זיי געגעבן פרייע שיף־בילעטן, איצט וועלן זיי מוזן אָפּאַרבעטן אין שאַכטן, אין פאַבריקן, אויף וועג־בויאונג צו באַצאָלן זייערע רייזע־הויצאָעס. דער קאָמפּאַניע לוינט זיך עס: אַרבעטער דאַרפן זיי האָבן אַ סאַך. אין לאַנד איז אַן אויפבלי. די אינדוסטריע שטייגט. זיי דאַרפן אָבער אויך אַן אַרמיי אַרבעטלאָזע. די אַרבעטלאָזע וועלן בעטלען אַרבעט. די אַרבעטער וועלן מוירע האָבן צו ווערן אַרבעטלאָז. וועט מען גוט שקלאַפן, וועט מען מוירע האָבן אויפהויבן דעם קאָפּ.

טיילט מען פונאַנדער די עמיגראַנטן און מען שיקט זיי פונאַנדער אין אַלע טיילן פון לאַנד: אין ניו־יאָרק, ניו־דזשורזי, אָהייאָ, אין די טעקסטיל־מילן פון מאַסאַטשוסעטס און ראָוד־איילאַנד. די דאַפּיס און דאַילס, קעלים און קעראַלס שיקט מען קיין פענסילווייניע, אין דער סקולקיל קאַונטי, צו אַרבעטן אין אַ קוילן־שאַכט.

דאָרטן גראָבט מען איצט דעם אַנטראַציט־קויל, אַ האַרטן, שוואַרצן, בלישטשענדיקן „דימענט", וועלכן מען ברויכט פאַר די נייע ריזיקע פאַבריקן אין לאַנד. האַרטע קוילן האָט אַנטדעקט אין פענסילווייניע איינער, אַוויאַ סמיט, נאָך אין יאָר 1806, אָבער מען האָט נאָך ניט געוואוסט, אויף וואָס עס צו באַנוצן. אין יאָר 1814 האָט מען איבערן גאַנצן לאַנד פאַרנוצט אינגאַנצן 22 טאָן קוילן... ערשט שפּעטער, ווען אין לאַנד זיינען אויפגעוואַקסן גרויסע פאַבריקן און מילן, איז קויל געוואָרן אַ דימענט, און זיין באַלעבאָס אַ קעניג. די לאַנד־באַלעבאַטים פון פענסילווייניע זיינען פון טאָג צו טאָג רייכער געוואָרן. מען האָט ספּעקולירט, געכאַפּט, גערויבט און געשווינדלט. מיינערס האָט מען געברויכט אַ סאַך, גאָר אַ סאַך שקלאַפן. פון

אונטער דער ערד, מיט שווייס און בלוט, האָבן זיי געטראָגן צו די באַלע־באַטים רייכקייט און מאַכט.

די אירלענדישע עמיגראַנטן זיינען ענדלעך אָנגעקומען אינעם קוילן־שטעטל. וואָס זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערזען, האָט זיי ניט פאַרשאַפט קיין פרייד:

שוואַרצע בלאָטיקע גאַסן. די לופט אָנגעזאַפּט מיט געדיכטן טרוקענעם קוילן־שטויב. נאַקעט איז די ערד. ניטאָ קיין גראָז, קיין ביימעלע. עס שטייען אין רייען באַטקעס, ווי כאַזער־שטעלכלעך. טריקענען זיך אַף שטריקלעך צעפליקטע שטיקער וועש. קינדער ראַיען זיך אין מיסט און בלאָטע. פּענעמער פון ווייב און קינדער זיינען בלאַס, דאַר און איינגעצויגן; גרויסע, פוסטע אויגן. וואָס איז דאָס? איז דאָ איצט אויך אַ הונגער אַף קאַרטאָפל?...

האָבן זיי אַ טאָעס געהאַט? איז דאָס — דאָס לאַנד פון אַלדאָס גוטס: פון ברויט, פיש און פלייש? דאָס לאַנד פון פרייהייט און גלייכהייט?

דערווייל קלייבן זיי זיך, יעדע פאַמיליע, אריין אין די באַשטימטע באַטקעס. קיין געלט דאַרף מען ניט צאָלן. אַלץ גיט פאַר אומזיסט די קוילן־קאָמפּאַניע. שפּעטער וועט מען דאַרפן אָפּאַרבעטן.

די ערשטע נאַכט אין דעם נייעם לאַנד איז געווען אַן אומרואיקע און אַ שווערע.

3

אָט אַזוי לעבט מען אין דעם געבענטשטן לאַנד.

אַף מאָרגן זיינען די מאַנסביל אוועק ארבעטן אין שאַכט. ווייב און קינדער זיינען געבליבן וואַרטן אין באַטקע, ביז נאַכט.

קומען די קעלים און דאַפּים אַהיים. פאַרשוואַרצט, פאַרברודיקט, טויט־מיד; די אויגן בלישטשען מאָדנע אַפּן קויל־פאַרשמירטן פּאָנעם. זיי דער־ציילן:

— זייער שווער די נייע ארבעט. נאָך שווערער, ווי פאַרמעריי אין אַלטן אירלאַנד. מען פויזעט, אונטער דער ערד, ווי אַ שלאַנג אַפּן בויך. מען וואַלגערט זיך אין בלאָטעס. אין שאַכט איז פינצטער. טאָג און נאַכט זיינען אַלצאיינס. קיין פּאָרעץ זעט מען ניט. אָבער זיינע מעשאָרסים זיינען אין יעדן ווינקעלע פול.

גייט אוועק די וואָך, ברענגט מען אַ צעטעלע פון דער קאָמפּאַניע, אָנשטאָט געלט.

אין דעם צעטעלע איז אויסגערעכנט וויפיל דעם מיינערס ארבעט איז ווערט פאר דער קאָמפּאַניע: פון 80 סענט ביז א דאָלער מיט פינף־און־צוואַנציק א טאָג. ס׳איז דאָרט אויך אויסגערעכנט, וויפיל מ׳קומט דער קאָמפּאַניע פאר דירע־געלט, פאר געצייג, פאר דינאַמיט, אין שפּייז־קראָם פאר עסן. ווען וועט מען זיך אויסצאָלן? ס׳איז א גאַנצער באַרג מיט כּיוועס.

קלאָגט דאָס ווייב, ברעכט זיך די הענט:

— וואָס טוט מען? אין כּאַטע זיצט דער הונגער. ברויט דאַרף מען, כּאַזער־שמאַלץ דאַרף מען, קאַרטאָפּל, צוקער א שטיקעלע. די קאָמפּאַניע־קראָב רייסט ס׳הויט, נעמט א פּרייז אין צווייען. מער אַף באָרג וויל מען שוין דאָרט אויך ניט געבן.

און איין טאָג — אין שמעטל א יאָמער, א טומל.

וואָס האָט פּאַסירט? אַן אויפרייס. מיינערס זיינען לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן געוואָרן. די ווענטילאַציע איז שלעכט. גאַזן קלייבן זיך און עקס־פּלאָדירן. בלויז איין שמאָלער ארויסגאַנג פון שאַכט. טרעפט אַן אומגליק — איז מען פאַרכאַפּט אין א פאַסטקע. ארויסגאַנגען קען מען בויען א סאַך, אָבער די קאָמפּאַניע וויל ניט אויסגעבן קיין געלט. וואָס פאר א באַטרעף האָט בא איר דאָס לעבן פון עטלעכע צענדליק, אָדער הונדערט מיינערס?

אַז בא די קעלים און דאָפּים וואַקסט אונטער א ביסל א קינד, פירט אים דער טאַטע אַוועק אין שאַכט צום „סופער”.

— מיין אינגל. שוין אַלט דרייצן יאָר. זאָל ער זיין פּיצל ברויט פאַר־דינען. זיי אַזוי גוט און שטעל אים אַוועק צו דעראַרבעט.

— גוט. ער׳ט זיין א פּיצלער. ברעכן דעם אויסגעגראָבענעם קויל. זיין פּרייז — א דאָלער א וואָך.

אַרבעטן שוין צוזאַמען טאַטע און זון. אַז ס׳טרעפט אַן אומגליק מיטן טאַטן, איז שוין פאַראַן ווער ס׳זאָל פאַרנעמען זיין אָרט. האָט די פאַמיליע א שפּייזער.

ווערט א מיינער אַלט, זיינע הענט שוואַך, פאַרטרייבט מען אים פון דער אַרבעט. וואוהין זאָל ער גיין? ס׳איז ניט קיינעמס דייגע. זינגען טאָקע מיינערס צווישן זיך אָט אַזא טרויעריק ליד:

כ׳בין אַלט און שוואַך, און אַרבעטן איך קען ניט מער.
פאַרזשאַווערט איז מיין געצייג, פון האַנט בא מיר עס פאַלט.
פערציק יאָר אין שאַכט געפּראַצעוועט,
איצט: אַרויס! צו אַלט!

דאָס בעטלער־הויז וועט זיין מיין היים, מיין איינציקע היים.
מיין מידער קאָפּ וועט אָפּרוען זיך דאָרט...

און אַלט ווערט מען דאָ פאַר דער צייט. די אויפזעער טרייבן, ווי מיט בייטשן. אַ גאַנצע כאָפּטע זייערע אַפּן מיינערס קאַרק: אויפזעער, „סופּערס", פאָרלייט, שאַכט־באָסעס, אַלע יאָגן זיי פונעם מיינער די נעשאָמע. ווער זיינען זיי? אייגענע ברידער, וועמען די באַלעבאַטים האָבן אָפּגעקויפט; אַליין אַרבעטן זיי שוין ניט. זייער אויפטו איז: יאָגן, טרייבן, באַשווינדלען דעם מיינער, גאַנוועונען וואָג פון אַן אויסגעגראָבענעם קוילן־וואַגאָן. נאָך אַן אַרבעט האָבן זיי: אונטערהערן זיך, וואָס די אַרבעטער צווישן זיך רעדן. טאָמער עפּעס שלעכטס אַנטקעגן דער קאָמפּאַניע, טאָמער אַ וואָרט וועגן קאָמף און יוניאָן, איז טייקעף אָנגעזאָגט וואו מען דאַרף; יענער וועט שוין קריגן זיין שטראָף:

זיין נאָמען וועט אַרויפגעשריבן ווערן אַפּן שוואַרצן ליסט. אַזאַ אָפּמאַך איז פאַראַן צווישן אַלע שאַכטן. אין גאַנץ פּענסילווייניע קריגט ער שוין קיין אַרבעט ניט מער.

— ס'באַצאָלטס פון האָזע איז הונגער־טויט!

שלעכט! דער ענגלישער פאַרעץ איז גרויזאַם געווען, דאָ איז אויך ביטער! מ'האָט געהונגערט אַפּן גרינעם „עמעראַלד"־אינדזל, ווען קאַרטאָפל איז צעפוילט געוואָרן; איצט הונגערט מען אין שוואַרץ־שטויביקן קוילן־שטעטל. די טאַטעס און די זיידעס האָבן פאַרגאָסן בלוט, געקעמפט אַנטקעגן זייערע אונטערדריקער. דאָ מוז עפּעס אויך געטאָן ווערן!

פון מויל צו מויל צעשפּרייט זיך דאָס וואָרט: „יוניאָן". דאַפי, קעלי, קעראָל און דאָיל, זייערע קינדער, וועלכע זיינען שוין דאָ אין לאַנד געבוירן און אויפגעוואַקסן, טוען אַף אַ ווײַלע אַ גלייך אוים די פּלייצעס. אַ פייערל בליצט אויף אין זייערע אויפגערייצטע אויגן. דאָס אויגן־פייערל פון זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס: „מאָלי מעגווייערס", „דעמבענע בעוורעלייט" און „שטאָלענע הערצער". אַ קאַמף זאָל זיין אַן עכטער און אַ ביטערער! נאָר ניט אַרונטערבויגן דעם קאָפּ...

4

עס גרייט זיך אַ שטורעם. באָסעס גאַנוועונען אַריין אַ שלאַנג צווישן די אַרבעטער. די שלאַנג פאַרשטעלט זיך פאַר אַ שעפּס.

אַ סאַך אומוויסנדיקע אירלענדישע מיינערס האָבן נאָך געפירט דעם קאַמף אַזוי ווי די זיידעס האָבן אים אַמאָל געפירט:

אין אירלאַנד, ווען די ענגלישע פּריצים האָבן אין יאָר 1740 אַרונטער־געטריבן די פּויערים פון לאַנד, ווייל זיי האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען די פאַרמס אין פּאַשע־פעלדער פאַר קי און שעפּסן, האָבן זיך די פּויערים אויפגעהויבן; אַנטקעגן די ענגלישע סאָלדאַטן זיינען זיי געגאַנגען באַוואָפנט מיט העק און מיט פלעקער. זיי האָבן אונטערגעצונדן הייזער און שטאַלן, געברענט פּאַשע־פעלדער. זיי האָבן אומגעוואַנדערט איבערן לאַנד אין געהיימע באַנדעס. אין דאָרעם — די „ווייסע יונגען", אין צאָפן — די „שטאָלענע הערצער", אָדער די „דעמבענע בעוורע", די העלדישע „מאָלי מעגוויירס". אַנדערע זאָגן, אַז זיי האָבן זיך גערופן „מאָלים", אַ נאָמען נאָך זייער געוואָגטער פירערן; אַנדערע — אַז זיי פלעגן זיך איבערטאָן אין פרויען־קליידלעך, ווען זיי פלעגן באַדערנאַכט אָנפאַלן אַף פּריצים און סאָלדאַטן. אַז זיי זיינען געווען געוואָגט און מוטיק, דאָס קען אָבער קיינער ניט לייקענען.

געדריקטע מיינערס אין פענסילווייניע רעכענען זיך שטילערהייט אָפּ מיט אַ בייזן „באָס", מיט אַ שלעכטן „סופּער", מיט אַ שווינדלער אַ פאָרמאַן. מען ברעכט אים גוט אויס די ביינער און מען קילט זיך אויס דאָס האַרץ. אָבער קיין אויסוועג פון דער ביטערער לאַגע איז עס ניט. באַ אַ סאַך גיט שוין אַ לייכט אויף אין קאָפּ:

— אַ יוניאָן דאַרף מען האָבן! איינקייט! אָט דאָס איז מאַכט!

מען פאַרשרייבט זיך אין דער „וו. ב. א." (אָדער: „דהי וואָירקמענס בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן", דער נאָמען פון דער מיינער־יוניאָן אין יענער צייט).

די נאַציאָנאַלע פירער פון דער יוניאָן זיינען שלעכטע קעמפער. זיי רעדן איין די אַרבעטער, אַז מען דאַרף פּרוּוון מיט די באָסעס מיט גוטן אויסקומען, אָנשטאָט סטרייקן. מען דאַרף זיך דינגען, אַרונטערלאָזן, כאַפּן אַ געווינס, איינלאַדן וואָוילע, אומפּאַרטייאישע מענטשן, זיי זאָלן זיך איינשטעלן פאַרן מיינער. די אירלענדישע אַרבעטער פאַרשטייען, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער וועג: אַ פּאָרעץ וועט מען מיט קיין ווערטער ניט בויגן. איין איינציקער אַרגומענט: באַווייזן אים מאַכט!

פאַר געהערן צו דער „וו. ב. א." וואַרפט מען פון דער אַרבעט, גייט מען אַפן שוואַרצן צעטל; די קאָמפּאַניע שטעלט אָן מערדער־באַנדעס, וועלכע פאַלן אָן אַף יוניאָן־מיטגלידער אינמיטן דער נאַכט. אָבער די נאַציאָנאַלע פירער פון דער יוניאָן הייסן זיין רעספּעקטאַבל: ניט ענטפערן מיט קיין קלאַפּ אַף אַ קלאַפּ.

אַ כּוח דעם געהערן אַ סאַך אירלענדישע אַרבעטער צו אַ געהיימען

INTRODUCTION TO THE NEW CONSTITUTION
OF
AMERICAN MINERS' ASSOCIATION
JANUARY 28, 1861

Step by step the longest march
  Can be won, can be won;
Single stones will form an arch
  One by one, one by one.

And by union, what we will,
  Can be all accomplished still,
Drops of water turn a mill,
  Singly none, singly none.

אָרדן: „דער אוראַלטער אָרדן פון די היבערניער" („דהי ענשיענט אָרדער אָוו הייבירניאַנס", אָדער „א. אָ. ה.").

אין אַלטן אירלאַנד האָבן צו דעם אָרדן געהערט די רעוואָלטירנדיקע פּויערים, און די פּריצים האָבן זיך פאַר אים געשראָקן ווי פאַרן טויט. זיי האָבן אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז דאָרט זיינען אונטערצינדער, רויבער, מערדער, מאַלי מעגווייערס. טאָמער איז אַ מיטגליד פון אָרדן אריינגעפאַלן אין דער רעגירונגס האַנט, איז שוין געווען זיין סאָף.

דאָ אין לאַנד איז דער אָרדן טאַקע שוין אַלט און אָפּגעשטאַנען; צו אים געהערן אויך באָסעס און גאַלאָכים. אָבער אין פּענסילווייניע האָבן אים די מיינערס איבערגענומען. זיי האָבן אים געמאַכט פאַר אַ געציייג, צו קעמפן אַנטקעגן די נייע פּריצים, זייערע שאַכט־באַלעבאַטים אין דער נייער היים.

האָבן זיך די באַלעבאַטים און גאַלאָכים פון אים גלייך אָפּגעטרייסלט. ס'זיינען געבליבן בלויז אַרבעטער און קליינע געשעפטסלייט, וועלכע לעבן פון אַרבעטער. אַז אַ מיטגליד קומט אַריין אין „א. אָ. ה." מוז ער געבן אַ שוואוע צו לעבן אין פריינטשאַפט, גוטהאַרציקייט און ברידערלעכקייט. טאָמער ווערט איינער פאַרמישפּעט פאַר רויבעריי, מאָרד, אָדער פאַלש שווערן, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון אָרדן אויף אַלעמאָל.

דער אָרדן ריכט אויף געהיימע צערעמאָניעס. דאָס איז נאָך אַ ירושה פון גאָר אַלטע צייטן. אַ כּוח דעם מוז מען טאַקע זיין פאָרזיכטיק: דער אָרדן איז פאַר די אַרבעטער. הייסט עס: ער שטייט די באָסעס, ווי אַ ביין אין האַלדז.

שיפּען זיי טאַקע ווי שלאַנגען.

זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג: דער אָרדן, דאָס זיינען מאַלי מעג־ווייערס! רויבער, מערדער און פאַרברעכער. מען מוז אָננעמען מיטלען אַנטקעגן זיי!

די באָסעס האָבן באַשלאָסן איינפלאַנצן צווישן די אַרבעטער אַ נעסט פון שפּיאָנען; העצען פּינצטערע אַרבעטער צו מאָרד און פאַרברעכנס, און נאָכדעם זיי כאַפּן פאַר דער האַנט. אויסגעפינען ווער ס'זיינען די אַרבעטער־פירער און אריינכאַפּן זיי אין אַ פּלאָנטער פון פאַלשקייט און ליגנס. איינ־שטילן מיט בלוט דעם שטורעם, וואָס קלייבט זיך אין שאַכט.

איין פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אינעם מיינער־שטעטל פּאָטסוויל אַ פרעמדער מאַן. ער האָט געטראָגן אַ שטעקן אויפן אַקסל, און אויפן עק שטעקן — אַ פּעקל זאַכן. ער איז אַריין אין אַ שענק און באַשטעלט אַ גלעזל שנאַפּס. ער זופּט אַליין און לאַדט איין אַלעמען אין שענק צו טרינקען אויף זיין רעכענונג. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ היפּשן פּעקל פּאַפּיר־געלט

און זיך פֿאַנאַנדערגעצאָלט. פֿאַרבייגייענדיק, האָט ער דערציילט דעם שענקער, באַרני האָגל, אַז ער איז אַ מאַטראָס און ער קומט איצט פֿון פֿילאַדעלפֿיע, פֿון אַ שיף. ער האָט דערציילט, אַז ער איז שוין מיד פֿון יאַם־רייזעס און ער וואָלט וועלן אַרבעטן אַפֿן לאַנד. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט באַם שענקער, אויב ער קען קריגן אַרבעט דאָ אין שטעטל.

דער שענקער איז געווען אַ וויכטיקער באַאַמטער פֿון אָרדן. ער האָט געוואוסט, אַז מען טאָר ניט זיין צו אָפֿן מיט אַ ווילד־פֿרעמדן מענטשן. דער יונג איז אים אָבער געפֿעלן געוואָרן. דערצו נאָך — דאָס פֿעטע געלט־פּעקל; אַ באָכער ניט קיין קאַרגער; מ׳וועט באַ אים קענען געשמאַק ליזן. ער זאָגט אים ניט אָפּ און זאָגט אים ניט צו; ער פֿרעגט אים זיין נאָמען.

— מעקענאַ. אַ באָכער פֿון אירלאַנד.

— דו ווייסט, מעקענאַ? דאָ מוז מען זיין דער ריכטיקער ביטערער יונג, צו קענען אַרבעטן.

מעקענאַ איז אויפֿגעשפּרונגען אַ באַליידיקטער.

— איז ער ניט דער ריכטיקער יונג? ער קען זינגען אַ ליד, טאַנצן אַ דזשיג און רופֿט אַרויס אַף אַ פֿויסט־געשלעג יעדן איינציקן. ווער ס׳פֿאַרלירט, איז מעכאַבעד מיט שנאַפּס דעם גאַנצן עולם.

מעקענאַ האָט אויסגעזונגען אַן אירלענדיש פֿאָלקס־ליד, אויסגעטאַנצט אַ דזשיג; דערזעענדיק פֿון וויטן אַ פֿעסטן מיינער־באָכער, וועלכער האָט אים געמאָסטן מיט די אויגן, האָט מעקענאַ אים איינגעלאַדן אַף אַ פֿויסט־געשלעג.

דער גאַנצער עולם האָט זיך אַרויסגעשאָטן אין אַ זייטיקן, גרויסן, פּוסטן צימער פֿון שענק. דער עולם האָט שטאַרק האַנאָע געהאַט פֿון אַ געשלעג. דער מיינער־באָכער האָט, דער ערשטער, דערלאַנגט אַ זעץ אין באַק. מעקענאַ האָט געענטפֿערט מיט אַ לינקן קלאַפּ אין קין־ביין, און אַ רעכטן אין ריפּ. יענער האָט דערלאַנגט אין נאָז און מעקענאַן צעבלוטיקט. אָבער מעקענאַ האָט טייקעף געענטפֿערט מיט אַ קנאַק אין מאָרדע און דעם באָכער אויסגעצויגן. דער פֿויסט־געשלעג האָט זיך געענדיקט. אַלע האָבן באַוואונדערט מעקענאַן. „אַי, אַ באָכער! אַ טענצער, אַ זינגער, אַ ׳פֿייטער׳. סאַראַ יונג!”

מעקענאַ האָט נאָכדעם, דורכן שענקער, געקראָגן אַרבעט אין אַ שאַכט. נאָך שפּעטער האָט מען אים איינגעלאַדן צו ווערן אַ מיטגליד פֿון געהיימען אָרדן. ער האָט זיך קלוימערשט געבריקעט: ער איז נאָך יונג און אומ־ווויסנדיק. אָבער ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן אַ באַאַמטער און אַ פֿירער פֿון דעם אָרדן.

דאָס האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו טאָן אַרבעט פאַר זײַנע באַלע־באַטים. ער האָט אַרײַנגעשלעפּט נאָך שפּיאָנען און אַרײַנגעזעצט זיי אין נעסטן, אַרום די אַרבעטער. ער האָט אויסגעפונען די נעמען פון אַלע בראַווע אַרבעטער־פירער. ער האָט אָנגעהעצט פּינצטערע אַרבעטער צו שלאָגן אָדער שיסן אַ פאַרהאַסטן פאָרמאַן, קלוימערשט אין די אינטערעסן פון זייערע מײַנער־ברידער; נאָכדעם האָט מען אויפגעהויבן איבערן גאַנצן לאַנד אַ העצע: „די מערדער, דאָס זײַנען די מאָלי מעגווייערס! מען מוז זיי אַלעמען אויסראָטן!" שפּעטער, ווען מ'האָט אומשולדיקע מײַנערס אָנגעקלאָגט אין מאָרד און געפּאָדערט פאַר זיי טויט־שטראָף, האָט זיך אָפּן איידעס־שטול אוועקגעזעצט מעקענאַ (אָדער, ווי די אַרבעטער האָבן אים גערופן: מעק). ער האָט דערציילט, אַז זײַן נאָמען איז ניט מעקענאַ, נאָר דזשיימס מעק־פּאַרלענד, און ער איז אַ פּינקערטאָן־דעטעקטיוו.

די פּינקערטאָן־דעטעקטיווס האָבן די מינען־באַלעבאַטים געדונגען פאַר 100,000 דאָלער. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, ווען באַלעבאַטים האָבן באַנוצט אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן קעגן זייערע אַרבעטער. שפּעטער איז עס בײַ די אַרבעטער געוואָרן אַ געוויינטלעכע זאַך.

5

פאַראייניקט אין קאַמף! דער גענעראַל־סטרייק פון יאָר 1875.

אין יאָר 1875 האָט דער גדולד פון די קוילן־אַרבעטער אין פּענסילווייניע געפּלאַצט. זיי זײַנען אַרויס אין סטרייק.

עס איז דעמאָלט געווען אַ קריזיס־יאָר. די באַלעבאַטים האָבן די שווערקייט פון קריזיס אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס פון די אַרבעטער. די אָרעמע סכירעס האָט מען געהאַלטן אין איין שנײַדן ביזן ביין. עס האָט געהונגערט דער מײַנער אין שאַכט; ס'האָבן געהונגערט זײַן ווײַב און קינדער. איצט, אַז זיי זײַנען אַרויס סטרייקן, האָבן זיי געקעמפט ווי העלדן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער גרויסע סטרייקס, האָבן זיי באַנוצט דאָס מאַסן־פּיקעטן: זיי פלעגן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי; ווי אַן אײַזערנע קייט זיך ציען פון מיין צו מיין, פאַרטרײַבן סקעבס, אויפ־מונטערן די שוואַכע און שרעקעדיקע. זיי האָבן אויך, צום ערשטן מאָל, באַנוצט די אַרבעטער־שוץ. זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט אַנטקעגן געדונגענע שלעגער און מערדער; אַנטקעגן דער „אײַזן און קוילן פּאָליציי", וואָס די באַלעבאַטים האָבן באַם אָנהייב פון סטרייק אָרגאַניזירט. (די באַלעבאַטים האַלטן אַן זייער פּריוואַטע פּאָליציי ביז הײַנטיקן טאָג. די אַרבעטער רופן

זיי: „פּענסילווייניער שטאַט־קאָזאַקן"). דער הונגער האָט די אַרבעטער ניט געשראָקן. אויך ניט — קלעפּ און אַרעסטן. זיי האָבן געפילט: ס'איז אַ ביטערע מילכאָמע ביזן סאָף.

די פירער פון דער צענטראַלער מיינער יוניאָן („מיינערס נעשאַנאַל אַסאָסיאיישאָן") זיינען געווען אַנטקעגן דעם סטרייק. זיי האָבן געטיינעט, אַז מ'דאַרף מיט די באַלעבאַטים אויסקומען מיט גוטן. „אַן ערלעכן טאָג אַרבעט פאַר אַן ערלעכער סומע באַצאָלט." אָבער די מיינער האָבן זיך ניט צוגעהערט צו זייער פּלאַפּלעריי. זיי האָבן געצוואונגען די פירער אַרויסרופן דעם סטרייק.

פאַרשטייט זיך, די פירער האָבן ניט אַרויסגערופן אין דערזעלביקער צייט אַ גענעראַל־סטרייק פון מיינערס אין אָהייאָ, וועסט־ווירדזשיניע און אַנדערע קוילן־שטאַטן. אין פּענסילווייניע האָט מען געקעמפט אַף לעבן און טויט, דאַרטן — האָט מען געאַרבעט, ניט פאַרשטייענדיק, אַז זיי העלפן די באַלעבאַטים דערשטיקן דעם סטרייק. אַפילע אין פּענסילווייניע האָט מען ניט אַרויסגערופן די ווייכע קוילן גרעבער, צו העלפן די אַנטראַציט־מיינער. דערפאַר אָבער זיינען די באַלעבאַטים געווען שטאַרק אָרגאַניזירט.

זייער פירער איז געווען איינער גאָוען. (מיר וועלן זיך מיט אים שפּעטער טרעפן.) אין דער באַסעס־אָרגאַניזאַציע זיינען געווען אָנגעשלאָסן די „פילאַדעלפיע און רעדינג באַן־קאָמפּאַניע", די „פילאַדעלפיע און רעדינג אייזן און קויל קאָמפּאַניע" (זייער פּרעזידענט איז געווען אָט דער מיסטער גאָוען), די „ווילקעסבאַר און ליהיי קוילן קאָמפּאַניע"; אַלע ריזיקע מיליאָנען־קאָמפּאַניעס. געלט האָט בא זיי קיין ווערט ניט געהאַט, אַבי ברעכן דעם סטרייק.

זייערע פינקערטאָן־דעטעקטיווס האָבן געטאָן שפּיאָנען־אַרבעט צווישן די סטרייקער, אינעווייניק. זייערע פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע גאַלאָכים האָבן אין די קלויסטערס געגאָסן פּעך און שוועבל אַנטקעגן די זינדיקע סטרייקער. זייערע צייטונגען, איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן געהעצט, אַז אין פּענסילווייניע וויל אַ באַנדע מאַלי־מאַגווייערס אומברענגען די מעלוכע־אָרדענונג, דורך רויבעריי און מאָרד. דער גאָווערנאָר האָט זיי געשיקט צו הילף סאָלדאַטן און פּאָליציי. די באַסעס אַליין האָבן צונויפגעשטעלט, פון מערדער און שלעגער, די קוילן און אייזן וואַך. אַגענטורן איבערן גאַנצן לאַנד האָבן פאַר זיי געקליבן סקעב־שפּינען. די באַסעס זיינען געווען אַנטשלאָסן: ברעכן די יוניאָן, און ברעכן דעם סטרייק!

דאָס געריכט (די פּרוי מיט פאַרבונדענע אויגן און מיט אַ וואָגשאָל אין האַנט) האָט אויך געטריי געדינט די באַלעבאַטים.

מען האָט געבראַכט צוויי אַרעסטירטע סטרייק־פירער פאַרן ריכטער. דער ריכטער האָט ניט לאַנג געטראַכט און אַרויסגעגעבן זיין אורטייל:

— דו, דזשוים, ביסט דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן. דו, מאַלאָני, ביסט דער סעקרעטאַר. דערפאַר געפין איך אייך שולדיק, און פאַרמישפּעט אייך...

אָבער די אַרבעטער זיינען געשטאַנען מוטיק אין שווערן קאַמף. אַלע צוזאַמען — איין געשמאָלצענער קויעך. „וואָס עס זאָל ניט זיין, קעמפן! אויף לעבן און טויט."

די סטרייקער האָבן דעמאָלט געשאַפן אַ סאַך פאָלקס־לידער, וועלכע ווערן נאָך געזונגען ביז היינטיקן טאָג.

וועגן די סקעבס האָבן זיי געזונגען אַזוי:

They are a disgrace to their race,
Wherever they may be.

(זיי זיינען אַ שאַנד פאַר זייערע מיטמענטשן,
וואו זיי זאָלן ניט זיין.)

זייער גרייטקייט צום קאַמף האָבן זיי אויך אויסגעדריקט אין אַ ליד:

Now two long months are nearly over.
That no one can deny.
And for to stand another,
We are willing for to try.

(איצט זיינען צוויי לאַנגע כאָדאָשים פאַרביי,
דאָס קען קיינער ניט לייקענען.
שטיין ווייטער (אין סטרייק)
זיינען מיר נאָך אַלץ גרייט.)

ס'זיינען אַוועק נאָך צוויי כאָדאָשים, און נאָך טעג און וואָכן. דער בייזער פעטער הונגער האָט זיך אַריינגעקליבן אין די מיינער־כאַטעס און געוואָרגן, אַז ס'איז קיין קויעך ניט געווען איבערצוטראָגן; אַז דער קאַר־טאָפל־הונגער, אין אַלטן אירלאַנד, איז געווען אַ שפּיל אַנטקעגן איצטיקן; פון דער צענטראַלער יוניאָן איז קיין הילף ניט געקומען. די סטרייקער זיינען שוין געווען גרייט גיין צו דער אַרבעט, אָן אַ הכּרה פון סקירעס. זיי האָבן בלויז געפאָדערט די אָנערקענונג פון זייער יוניאָן; אַז אויב די קאָמפּאַניע וויל שניידן סקירעס (מיטן אויסרייד, אַז די געשעפטן זיינען שלעכט), מוז זי פריער דורכקומען מיט דער יוניאָן. אָבער דער באָסעס־פאַרבאַנד איז געווען איינגעשפּאַרט: „קיינע אונטערהאַנדלונגען מיט אַ

יוניאָן! אפן קוילן־פעלד מוז זיין איין הערשאַפט, די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל..."

ס'זיינען אוועק זעקס כאָדאָשים; פעטער הונגער האָט ענדלעך געזיגט. די מיינערס האָבן פאַרלאָרן, זייער אָרגאַניזאַציע — געבראָכן. זיי האָבן געמוזט איינבויגן דעם קאָפּ און אומקערן זיך, אַף די ערגסטע באַדינגונגען, אין שאַכט.

אפילע אין יענער שווערער מינוט האָבן זיי נאָך טיף אין האַרצן געגלויבט, אַז זייער מאַפּאַלע איז אַ צייטווייליקע; אַז ס'וועט קומען אַ טאָג און דער קאַמף וועט צוריק באַנייט ווערן; העלדישער, שטאַרקער, רייכער מיט דערפאַרונג, בעסער אָרגאַניזירט.

די צעשלאָגענע מיינערס האָבן געזונגען אַזאַ ליד:

When the men go back to work,
They must be determined,
To prepare for a struggle in some future day.

(ווען דער אוילעם גייט צוריק צו דער אַרבעט,
דאַרף מען זיין אַנטשלאָסן,
גרייטן זיך צום קאַמף אין די צוקונפטיקע טעג.)

אָבער ביז יענער טאָג וועט קומען, איז היינטיקער — שוואַרץ, ווי די נאַכט. די נעמען פון די אַקטיווע סטרייקער האָט מען אַרויפגעשטעלט אַפן שוואַרצן צעטל. קאָמפּאַניע־מערדער האָבן זיי אַרומגעזוכט. האָבן זיי געפּראָוווט וואַנדערן אין אַנדערע שטאַטן, זוכן אַרבעט. אָבער דאָס באָסישע צעטל איז זיי נאָכגעגאַנגען אומעטום. „פאַר די סטרייקער איז קיין אַרבעט ניטאָ. שטאַרבט אויס פון הונגער." די ווינציקער אַקטיווע, אויב זיי האָבן געקראָגן אַרבעט, איז עס געווען די שווערסטע, די ביליקסטע. פאַרלייט און „סופּערס" האָבן זיי באַליידיקט, דערנידעריקט, אויסגעלאַכט אַף יעדן טראָט.

די סבירעס האָט מען געשניטן אַזוי, אַז מען האָט געהונגערט, אַפילע ווען מ'האָט געאַרבעט. וועגן אויפבויען צוריק אַ יוניאָן האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. רייד אויס דאָס וואָרט „יוניאָן", און די קאָמפּאַניע־מערדער וועלן אויסשטעכן דיין האַרץ, דורכלעכערן מיט אַ קויל דיין קאָפּ!

די אירלענדישע מיינערס האָבן זיך דערמאָלט אַ לאָז געגעבן, מאַסנווייז, אין דעם אָרדן פון די היבערניער. דער אָרדן האָט געדאַרפט באַשיצן די אַרבעטער אַנטקעגן די באָסישע מערדער. דער אָרדן האָט איבערגענומען די אַרבעט פון אַ יוניאָן, וועלכע איז איצט, צוליב דעם טעראָר, אונטערגעגאַנגען. ער האָט געקעמפט אַנטקעגן לוין־שניטן און ביטערע באַדינגונגען.

ס'פייער פון קאמף איז ניט פארלאָשן געוואָרן. ס'האָט געברענט באהאלטן, אין דער שטיל.

די באָסעס האָבן זיך דערפון, דורך זייערע שפּיאָנען, דערוואוסט און געקריצט מיט די ציינער: די אירלענדישע ארבעטער זיינען די ערגסטע אין דער וועלט! מערדער און העצער! אָבער, נישקאָשע, ס'וועט אָפּקאָסטן נאָך געלט, נאָך ארבעטער לעבנס. ס'לוינט זיך! אבי איינהאלטן אין פּענסיל־וויניע די אליין־הערשאַפט פון קאַפּיטאל...

די באָסעס האָבן געגעבן א וואונק. אומעטום האָבן זיך די צייטונגען צעשריבן. די גאלאָכים אין די קלויסטערס האָבן צוגעהאָלפן:

— צווישן די מיינערס אין פּענסילוויניע געפינען זיך מאלי־מעגווייערס. זיי זיינען מערדער און האלדז־שניידער! דאָס לאַנד וועט ניט זיין זיכער, ביז וואַנען די כעוורע־לייט וועלן זיך ניט שאָקלען, טויטע, אָפן שטריק!

דורך זייערע העצעס האָט זיך געהערט דאָס קאָל פון די קוילן־באַלע־באַטים:

— מיר ווילן בלוט און לעבנס! קלאַס קעמפט איצטער קעגן קלאַס! מיר — אָדער זיי...

6

מען פירט קעמפער צו דער טליע. דער מישפּעט פון דאָיל, קעלי און אלעקסאַנדער קעלי. דער ווייטערדיקער מישפּעט פון קעראָל, דאַפי, ראָערטי, מעקגיהען און דזשיימס באָיל. קעמפ פאַרן באַסישן טעראָר.

די באָסעס האָבן ארויסגעגעבן א באַפעל:

— דער לעצטער פונק פון ארבעטער ווידערשטאַנד מוז ווערן פאַר־לאָשן! אָפּהאַקן זייערע פירערס קעפּ!

די ארבעט איז צעטיילט געוואָרן אזוי: די פּראָוואָקאַטאָרס האָבן גע־דאַרפט צורעדן אומוויסנדיקע, פאַרפאַלגטע ארבעטער צו באַגיין פאַרברעכנס. די שפּיאָנען האָבן צוגעשטעלט די נעמען פון אלע ארבעטער־פירער. די באָסעס האָבן צוגעשטעלט אין געריכט זייערע אָנקלעגער: איינער א גענעראַל אלברייט, און דער פּאַרזיצער פון דער „פּענסילוויניע און רעדינג קאָמפּאַניע", גאָועון. די טליעס האָט צוגעשטעלט דער שטאַט.

די ערשטע ארעסטירטע זיינען געווען: מייקל דאָיל, עדוואַרד קעלי און אלעקסאַנדער קעמפּבל. מיט זיי צוזאַמען איז ארעסטירט געוואָרן איינער א שפּיאָן, קעריגען. זיי זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מאָרד פון א שאַכט־

„סופער", איינער א דזשאנס; דאַיל און קעלי זיינען געווען יונגע אמעריקאנער־געבוירענע מיינערס; געטרייע, אקטיווע מיטגלידער פון דעם אָרדן. קעמפבעל, א געוועזענער מיינער, איז איצט געווען א האָטעל־אייגנטימער. אין זיין האָטעל פלעגן זיך אַלעמאָל צונויפקלייבן די היבערניער. ער אַליין איז אויך געווען זייער אקטיוו אין אָרדן. אים האָט מען אָנגעקלאָגט אין העלפן אויסארבעטן דעם גאנצן מאָרד־פּלאַן.

מען האָט זיי געמישפּעט יעדערן באַזונדער. עס איז ארויסגעטראָטן אנטקעגן זיי דער שפּיאָן קעריגען און דער פינקערטאָן־אגענט „מעק", אָדער מעקפּארלאַן. דעם שפּיאָן קעריגען האָט מען קיינמאָל ניט געשטעלט צום געריכט. ער איז דאָך געווען איינער פון זיי: די באָסעס שמוציקע האַנט.

דאָס מיינער־שטעטל, אין וועלכן דער מישפּעט איז פאָרגעקומען, איז געווען פארפלייצט מיט פּאָליציי. דאָס געריכט־הויז ארומגערינגלט מיט פּאָליציי. די צימערן און קאָרידאָרן געפּאַקט מיט פּאָליציי. ס'זיינען געווען שטאַט־פּאָליציי און באַסישע קאָזאַקן (די קוילן און אייזן פּאָליציי). די באָסעס האָבן געוואוסט וואָס זיי טוען. אָט די באוואָפנטע קויכעס וועלן אַנווארפן א שרעק אַף די מיינערס, זיי זאָלן מוירע האָבן א מויל צו עפענען. זיי וועלן אויך אָנשרעקן די אייזדעס, זיי זאָלן ניט רעדן קיין נארישקייט. זיי וועלן אויך ווירקן אַף די דזשורי־לייט, וועלכע וועלן טראַכטן:

— די אָנגעקלאָגטע זיינען שוין איינמאָל א באנדע מערדער, אז מען האָט געדארפט אזוי פיל באוואָפנטע וועכטער זיי צו היטן!

און נאָך עפּעס וועלן די דזשורי־לייט טראַכטן:

— ווער וועט זיך מיט אזא מאכט אָנהייבן? מען טאָר קיין סאך ניט טראַכטן. „שולדיק", גערעכט אָדער אומגערעכט!

דער אָנקלעגער, גענעראַל אַלברייט, האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיין ארמיי־אוניפאָרם, מיט אַלע מעדאַלן און בענדלעך. ער איז ניט בלויז געווען א גענעראַל, נאָר אויך א ספּעציעלער, געדונגענער אייצע־געבער פאַר דער רייכער „ווילקעסבאר און ליהיי קוילן קאָמפּאניע". איצט האָט ער געדונערט אין דעם נאָמען פון שטאַט:

— די אָנגעקלאָגטע זיינען מאַלי מעגווייערס. דער נאָמען אַליין איז גענוג זיי צו פארמישפּעטן צום טויט...

מען האָט ארויסגערופן 120 אייזדעס. זיי האָבן דערציילט, אז זיי האָבן, פויער פארן מאָרד, געזען די אָנגעקלאָגטע דריי מיינערס, דאַיל, קעלי און קעריגען. די מיינערס זיינען ארומגעגאנגען איבער די שאכטן און געזוכט ארבעט. די אייזדעס האָבן זיי געגעבן עפּעס צו עסן און טרינקען, ווייל די מיינערס זיינען געווען הונגעריק און דאָרשטיק. אזא זאך איז אין יענער

צייט ניט געווען קיין נייעס. אומעטום האָבן אַרומגעוואַנדערט הונגעריקע מיינערס, וועמענס נאָמען עס איז געווען אַפּן שוואַרצן צעטל. פון אומעטום האָט מען זיי געטריבן. מער האָבן די אײדעס קיין זאַך ניט געזען.

בלויז צוויי פאַלשע אײדעס זיינען אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן זיי. איינער האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען קעלין, נאָכן מאָרד, באַהאַלטן צווישן קוסטעס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרטן זיינען גאָר קיין קוסטעס ניט געווען. דער צווייטער האָט דערציילט, אַז ער האָט באַמערקט אַ מעשענעם קנעפּל אויף די קליידער פון דעם „מערדער" דאַיל. דער פאַרטיידיקער האָט אים געשטעלט פראַגעס און פון דעם אײדעס אייגענע ענטפערס איז אַרויס־געקומען, אַז ער האָט דעם מעשענעם קנעפּל, פון אַזאַ ווייטקייט, ניט געקענט זען. דער פינקערטאָן־שפּיאָן מעקפּאַרלאַן האָט געשוואָרן, אַז ער איז געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג, ווען קעמפּבל האָט צוגעגרייט דעם פּלאַן פון מאָרד.

די אָנקלאַגע איז געווען אַזוי שוואַך, אַז דער פאַרטיידיקער האָט ניט געפונען פאַר נויטיק אַרויסרופן אייגענע אײדעס. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז דער מאָרד־פּלאַנטער איז דאָ בלויז אַן אויסרייד. אַז מען וויל זייערע קעפּ אָפּהאַקן נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען אַרבעטער־פירער, מיטגלידער פון דער פאַרהאַסטער „א. אָ. ה.".

גענעראַל אַלברייט האָט געהאַלטן די לעצטע אָנקלאָג־רעדע פאַר דער דזשורי:

— אויב איר וועט זיך ניט רעכענען מיט אַלע באַווייזן און וועט די מערדער באַפרייען, וועט איר פאַרהוקעט און פאַרטריבן ווערן פון אונדזער געגנט! איר וועט צווינגען דעם פאָלק, עס זאָל זיך נעמען צום לינטש־געזעץ!

זיין גענעראַלסקער אוניפאָרם, מיט די פּאַטריאָטישע מעדאַלן און סטענגעס, האָט אַרויסגערופן אָפּשיי און מוירע. דער ריכטער האָט גע־שווייגן; אַפילו ווען דער גענעראַל האָט געשראָקן די דזשורי־לייט מיטן לינטש־געזעץ. דער ריכטער איז אויך געווען אַ שרייפּעלע אין דער זעלביקער מאַשין.

דעם ערשטן פעברואַר, יאָר 1876, איז די דזשורי זיך אַרוים בעראַטן און געבראַכט צוריק איר באַשלוס:

— שולדיק אין מאָרד, ערשטן גראַד!

דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן זיין פּסק:

— הענגען!

די צייטונגען האָבן דעם אורטייל באַגריסט:

— די דזשורי־לייט דאַרפן באַדאַנקט ווערן פאַר זייער ערלעכקייט און

בראַווקייט. די פאַרמישפּעטע זיינען געווען פּונקט אַזעלכע גאַזלאָנים, ווי די פּאַריזער קאָמונאַרן.

אָבער דריי קעפּ זיינען פאַר די באָסעס געווען ווינציק. מ'האָט געזוכט נאָך.

דעם 6טן יולי, יאָר 1875, איז אין אַ מיינער־שטעטל אַ פּאָליסמאַן גע־קראָכן פאַרטאָג אַף אַ לייטער אויסלעשן די גאַסן־לאָמטערנעס; עמיצער האָט אים אַריינגעשאָסן אַ קויל. דעם פאַרברעכער האָט מען ניט געקענט געפינען. איידער דער פּאָליסמאַן איז געשטאָרבן, האָט ער דערציילט, אַז עס זיינען געווען צוויי מערדער: איינער אַ נידעריקער, דער צווייטער אַ הויכער. ער האָט זיי ביידן ניט געקענט.

אין אַ האַלבן יאָר אַרום האָט מען אַרעסטירט פינף מיינערס און זיי אָנגעקלאָגט אין דעם פּאָליסמאַנס מאָרד. היוז מעקגיהען און דזשיימס באָיל זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מאָרד, פאַר שיסן דעם פּאָליסמאַן. טאָמאַס דאָפי האָט, קלוימערשט, באַצאָלט די מערדער צען דאָלער פאַר זייער אַרבעט. ראָערטי איז באַשולדיקט געוואָרן אין לייען זיין אייגענעם רעוואָלווער צו די מערדער. דזשיימס קעראָל, דער פירער פון אָרדן־ברענטש אין יענעם שטעטל, איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין אויסאַרבעטן דעם גאַנצן מאָרד־פּלאַן. דער איידעם אַנטקעגן אים איז געווען דער פינקערטאָן־דעטעקטיוו מעקפּאַרלאַן.

מעקגיהען איז געווען אַ יונגער אירלענדישער מיינער, וואָס זיין נאָמען איז געווען אַפּן באָסישן שוואַרצן צעטל. באָיל — אַן אַמעריקאַנער־געבאָרענער קעמפערישער מיינער. דאָפי — אַ יונגער אינזשענער אין אַ שאַכט. ראָערטי — אַ יונגער עמיגראַנט, ערשט זעקס יאָר אין לאַנד, וועלכער האָט געאַרבעט פאַר דער „ווילקעסבאַר און ליהיי קוילן קאָמפּאַניע". קעראָל — אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אַ טאַטע פון פיר קינדער, אַן אייגנ־טימער פון אַ שענק. אין שטעטל האָט מען אים זייער געשעצט פאַר זיין ערלעכקייט און ערנסט. ער איז געווען אַ קינד פון אירלענדישע מיינער־עמיגראַנטן און אַליין געבאָרן דאָ אין לאַנד.

דאָפי איז געמישפּעט געוואָרן באַזונדער. די אַנדערע פיר אָנגעקלאָגטע — צוזאַמען.

איצט זיינען שוין אין געריכט געווען צוויי אָנקלעגער: דער גענעראַל אַלברייט און דער פּאָרזיצער פון דער „פּענסילווייניע און רעדינג קוילן קאָמ־פּאַניע", גאָוען. אים האָבן עם די באָסעס געמאַכט אין יאָר 1875 פאַרן הויפּט־פירער צו ברעכן דעם סטרייק.

איידעם אַנטקעגן די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען: „מעק", מעקפּאַרלאַן, און דער שפּיאָן קעריגען. אַ כויץ זיי זיינען געווען נאָך צוויי אָפּגעקויפטע

איידעס, וועלכע האָבן זיך אָבער זייער שטאַרק געפּלאָנטערט אין זייערע רייד. דאָס געריכט איז ווידער געווען געפּאַקט מיט פּאָליציי.

אין געריכט איז אַנטקעגן קעריגענען אַרויסגעטראָטן זיין אייגענע ווייב. זי האָט אים אַליין באַשולדיקט אין דעם פּאָליסמאַנס מאָרד.

אָט זיינען עטלעכע געריכט־פראַגעס און אירע ענטפערס:

פראַגע: האָט דיין מאַן בא זיך געהאַט אַ רעוואָלווער?

ענטפער: יאָ.

פראַגע: ווי לאַנג, אַז ער האָט דעם רעוואָלווער?

ענטפער: איך דענק: בא אַ יאָר צייט.

פראַגע: וואָס האָט דיין מאַן געטאָן, אַז ער איז געקומען? אַז דו האָסט אים אַריינגעלאָזן אין הויז.

ענטפער (זי כאַזערט איבער די פראַגע): אַז איך האָב אים אַריינגעלאָזן אין הויז?

פראַגע: יאָ.

ענטפער: ער האָט געהאַלטן זיינע שטיוול אין די הענט, ווען איך האָב אים אַריינגעלאָזן, און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דערשאָסן דעם פּאָליסמאַן יאָסטן...

מען האָט געבראַכט אַן איידעס: דעם מאַן, וועלכער האָט פאַריכט ראָעריטים רעוואָלווער. ער האָט ניט דערקענט אָף זיכער, ניט ראָעריטין, ניט זיין רעוואָלווער.

דער פּאַרטיידיקער האָט געטיינעט, אַז צוויי איידעס האָבן זיך פּאָר־פּלאָנטערט אין זייערע רייד. אַז דעם שיקער און אויסוואורף קעריגענען טאָר אַ געריכט ניט גלויבן. אויב זיין מייסע איז ריכטיק, איז ער דאָך אַליין אַן אָנטייל־נעמער אין דעם מאָרד. צווייטנס, פירן אַלע באַווייזן צו דעם, אַז ער איז ניט קיין אָנטייל־נעמער, נאָר דער איינציקער מערדער. אַ כּוּץ דעם, שטייט ער איצט אונטער אַ קלאַגע פאַר אַן אַנדער מאָרד (דער טויט פון דעם „סופּער" דזשאָנס). די אָנקלעגער האָבן אָבער געטיינעט צו דער דזשורי, אַז מען דאַרף ניט טראַכטן, ווער און וואָס ער איז. ער איז אָף דער ריכ־טיקער זייט; דאָס איז גענוג.

ס'איז געווען גענוג, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען מאַלי מעגווייערס און גוטע סטרייקער. די דזשורי האָט אַרויסגעגעבן איר אורטייל:

— שולדיק!

און דער ריכטער האָט אַלעמען פאַרמישפּעט צו דער טליע.

דער שפּיאָן קעריגען איז אַרויס פון געריכט אַ פרייער מענטש...

די לעצטע מאַרטירער: טאָמאַס מונלי, דזשעק קיהאָו, פּאַטריק העסטער, פּיטער מעקהיוז, און פּאַטריק טולי. אַלע פאַרמישפּעטע גייען צו דער טליע אָן שרעק.

די באָסעס זיינען נאָך ניט זאַט געוואָרן מיט בלוט. ס'האָבן נאָך געלעבט אַרבעטער, פאַר וועמען דער קאַמף איז טייער געווען, ווי דאָס לעבן. מ'האָט איבער זייערע העלדזער געדאַרפט פאַרציען די שטריק.

פעברואַר 10טן, יאָר 1876, איז אַרעסטירט געוואָרן טאָמאַס מונלי. מ'האָט אים אָנגעקלאָגט אין דעם מאָרד פון אַ פאָרמאַן, מיט פינף כאָדאָשים צוריק. צוזאַמען מיט אים האָט מען אָנגעקלאָגט נאָך פיר אַנדערע. צוויי זיינען קיינמאָל ניט אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט זיי אַפילו ניט גערופן פאַר קיין אײדעס (געווען האַפאָנים באַסישע שפּיאָנען). איינעם, אָדאָנעל, האָבן קאָמפּאַניע־מערדער געלינטשט, נאָך פאַרן מישפּעט. דעם פערטן, מעקאַליסטער, האָט מען אַרעסטירט און באַפרייט. אָנשטאָט אים האָט מען געפּרוּווט אַריינשלעפּן זיינעם אַ ברודער. מעקאַליסטערן האָט מען פאַרפּאַקט אַף לאַנגע יאָרן טורמע, גאָר פאַר אָן אַנדער קלאָגע.

מונלים אָנקלעגער איז געווען גאָוען. דער הויפּט־אײדעס — מעקפּאַרלאַן. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט געוואוּסט פונעם גאַנצן מאָרד־פּלאַן נאָך איידער דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרן. נאָך עפּעס האָט דער שפּיאָן מעקפּאַרלאַן געוואוּסט:

דער אָנגעקלאָגטער איז אַ מאָלי מעגווייער!

עס זיינען געקומען נאָך אָפּגעקויפטע אײדעס, וועלכע האָבן געפּלאָנטערט מיט דער צונג, געזאָגט אַנדערש פון איין מאָל צום צווייטן. איין ערלעכער אײדעס, אַ פריינט פון דעם געטויטן פאָרמאַן, האָט אײדעס געזאָגט אַזוי:

פראַגע: האָסטו געזען זיין (דעם מערדערס) פּאָנעם?

ענטפער: כ'האָב זיין פּאָנעם געזען.

פראַגע: האָסטו יענעם מאַן געזען ווען־עס־איז פריער?

ענטפער: כ'האָב אים קיינמאָל ניט געזען ביז יענעם פרימאָרגן.

פראַגע: מונלי, שטעל זיך אויף! (צום אײדעס) איז דאָס דער מאַן?

ענטפער: דאָס איז פאַר קיין פאַל ניט דער מאַן, וועלכן איך קען דערקענען.

דער פאַרטיידיקער פון מונלין האָט שוין האַפאָנים דערשפּירט, אַז דאָ מישפּעט מען ניט פאַר מאָרד, נאָר פאַר אַרבעטער־געטרייקייט. האָט ער אויסגעשריען אינמיטן זיין רעדע:

טאָמאַס מונלי

מייקל דאָיל


עדוואַרד קעלי

דזשיימס קעראָל

טאָמאַס דאָפי

— אין גאָטס נאָמען! גיט די אַרבעטער אַ גלייכע געלעגנהייט. צע־מאָלט זיי ניט אונטער די פיס! זאָלן זיי ניט אונטערגיין אונטער דער הער־שאַפט פון קאַפּיטאַל, אין אַ פרייען לאַנד!...

ווי אַן ענטפער איז געקומען דעם ריכטערס אינסטרוקציע צו דער דזשורי:

— פאַרלאָזט זיך ווינציקער אויף דעם איידעס־זאָגן פון די פאַרטיידיקער, ווי פון די אָנקלעגער. די ערשטע זאָגן: ניין; די צווייטע — יאָ. די ערשטע האָבן גאָרנישט ניט געזען, די צווייטע — האָבן געזען מיט די אויגן. זיינען די ערשטע „נעגאַטיוו", אָבער די צווייטע „פּאָזיטיוו".

מען האָט מונלין פאַרמישפּעט צום טויט!

נאָכדעם איז אַרעסטירט געוואָרן דזשאַן קעהאָו, אַ בראַווער מיינער, אַ גוטער קעמפער, אַן איבערגעגעבענער טוער פון אָרדן.

קעהאָו איז פריער אַרעסטירט געוואָרן פאַר אַן אַנדער מאָרד. מען פאַרמישפּעט אים אין טורמע. דאָס איז געווען ווינציק. האָט מען אים אָנגעקלאָגט פאַר אַן אַנדער מאָרד פון אַ „סופּער". מען האָט אים צוגעגעבן נאָך יאָרן טפיסע. ענדלעך, אין נאָוועמבער, יאָר 1876, האָט מען אים אָנגעקלאָגט אין אָנטייל נעמען, מיט צוועלף יאָר צוריק, אין דעם מאָרד פון אַ פאָרמאַן, לאַנגדאָן. מען האָט אים צום דריטן מאָל געמישפּעט און פאַר־מישפּעט צום טויט.

אָט דער געהאַרגעטער פאָרמאַן איז געווען אַן אויפזעער איבער די, וועלכע האָבן געברעקלט די גרויסע שטיקער קוילן. ער האָט גענאַנוועט פון מאָס און וואָג און איז געווען בייז צו די אַרבעטער שטאַרק פאַרהאַסט. אַ גרופּע אומוויסנדיקע, פינצטערע, פאַרביטערטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געפילט, אַז מער קענען זיי פון אים ניט אַריבערטראָגן, האָט אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער; אין דריי טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. די קלאָגע קעגן דעם מיינער קעהאָו איז ניט געווען, אַז ער האָט געוואָרפן דעם טויטלעכן שטיין, נאָר — אַז ער איז געווען איינער פון דעם אוילעם. גאָוען האָט אָנגעקלאָגט; מעקפּאַרלאַן האָט באַשטעטיקט, אַז קעהאָו איז אַ מאָלי מעגווייער. דאָס האָט געמיינט: זיין סאָף.

לעבן דער טליע האָט ער אויסגעשריען:

— כ'בין ניט שולדיק אין לאַנגדאָנס טויט! כ'האָב קיינמאָל דעם מאָרד ניט געזען!

פּונקט, ווי די באָסעס האָבן עס ניט געוואוסט!

אין יאָר 1877 זיינען אַרעסטירט געוואָרן העסטער, מעקהיוז און טולי, דריי מיינער־קעמפער און מיטגלידער און „אַ. אָ. ה.". ס'איז פאַר זיי אויס־

געפלאָכטן געוואָרן אַ שטריק. באָסעס האָבן באַשלאָסן: מען זאָל זיי מישפּעטן פאַר אַ מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן מיט 9 יאָר צוריק.

פאַר יענעם מאָרד, פון אַ שאַכט־„סופּער", האָט מען דעמאָלט אַרעסטירט העסטערן, מיט נאָך דריי אַרבעטער. די דריי אַרבעטער האָט מען געשטעלט צום געריכט, און, איינעם נאָכן אַנדערן, באַפרייט. העסטער האָט אויך געפאָדערט אַ מישפּעט, אָבער מען האָט אים אַרויסגעלאָזן פון טורמע, אָן אַ געריכט.

איצט, מיט ניין יאָר שפּעטער, האָט מען העסטערן ווידער אַרעסטירט פאַרן זעלביקן מאָרד (אַ זאַך, וואָס איז אומגעזעצלעך, לויט דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע: מען קען אַ מענטשן ניט מישפּעטן פאַרן זעלביקן פאַרברעכן צוויי מאָל). צו אים האָט מען צוגעטשעפּעט די אַנדערע צוויי. דער אָנקלעגער איז געווען קוילן־פּרעזידענט גאָוען. דער הויפּט־איידעס, אַ פאַרברעכער, וועלכן מ'האָט צוליב דעם צוועק אַרויסגעלאָזן פון טורמע; זיינע כאַוויירים־אַרעסטאַנטן האָבן אים גערופן „קעלי דער באָם".

זיי האָט צוגעהאָלפן דער פּינקערטאָן־אַגענט מעקפּאַרלאַן. ער האָט באַשטעטיקט, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען אַלע מאָלי מעגווייערס. ס'האָט שוין ניט געהאָלפן דאָס איידעס־זאָגן פון צענדליקער ערלעכע מענטשן, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען גאָר אין יענער צייט געווען אַף אַן אַנדער אָרט. דער אורטייל איז געווען פאַרטיק:

— טויט! דורך הענגען!

וויפיל מאָלי מעגווייערס עס זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן אין יענער צייט, איז ניט באַוואוסט. די באָסעס האָבן ניט געציילט זייערע קאָרבאָנעס. די אַרבעטער (אָנגעשראָקענע און צעטומלטע) האָבן די נעמען ניט פאַרצייכנט. מען ווייסט נאָר, אַז אין יאָר 1877 האָט מען אויפגעהאַנגען 17 מיינערס; פון זיי — עלף, דעם 21סטן יוני. אין יאָר 1879 — נאָך צוויי. מאַסן זיינען פאַרזעצט געוואָרן אין טורמע אַף לאַנגע יאָרן.

עס איז געווען אַזוי: אַז צום געריכט איז געגאַנגען אַן אַקטיווער היבערניער, האָט עס געמיינט זיין סאָף. אַ פאַסיווער האָט זיך געקענט אָפּפאַרטיקן מיט יאָרן טורמע. אומוויסנדיקע, פינצטערע אַרבעטער האָבן אַפילע געקענט באַפרייט ווערן אינגאַנצן. די פראַגע פון שולד און אומשולד האָט זיך ניט גערעכנט.

די באָסעס האָבן זיך מיטן בילד פון די טליעס געפרייט. אַ לערער פון אַ רעליגיעזער שול אין פּענסילוויניע האָט געבראַכט צופירן אַ גרופּע יונגע מיידלעך, צו זען ווי מען הענגט אויף די „מערדער". די פאַרמישפּעטע האָבן זיך געהאַלטן זייער בראַוו. זייער טויט האָבן זיי באַגעגנט מיט אַ שמייכל.

אונטערן שטריק האָבן זיי געוואָרפן זייערע מערדער דעם עמעס אין פּאָנעם אריין, אויסגעשריען אַז זיי שטאַרבן אומשולדיקע. באַיל און מעקגיהען זיינען נעגאַנגען צו דער טליע צוזאַמען. באַיל האָט אויסגעשריען צו מעקגיהענען:

— אַ גוטן דיר, מיין אַלטער כאַווער! לאָמיר שטאַרבן מוטיק!

מעקגיהען האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי צו זאָגן:

— יאָ! שטאַרבן און קיין מוירע ניט אַרויסווייזן פאַר זיי! די מערדער פון אַרבעטער־פאָלק!

מיט סימכע האָבן די ציימונגען פון די אַנטראַציט־באַלעבאַטים אָנגעזאָגט וועגן דער הינריכטונג:

— די מערדער זיינען טויט! וואָס פלעגן זיי טאָן? ווען נאָר די פּרייזן פאַר אַרבעט זיינען זיי ניט געפעלן געוואָרן, האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט און געמאַכט אַ סטרייק.

אָט פאַרוואָס די מאָלי מעגווייערס זיינען געשטאָרבן: „זיך אָרגאַניזירט און געמאַכט אַ סטרייק"...

8

טויטע אַרבעטער רופן צום קאַמף פון די קוואָרים. דער גרויסער באַן־סטרייק פון יאָר 1877.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט דער בראַווער קאַמף פון די מאָלי מעגווייערס.

די אירלענדישע אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַרשקלאַפט געוואָרן פון דעם ענגלישן הערשער קראָמוועל (וועלכער האָט אַרונטערגעהאַקט אַ קעניגס קאָפּ און פאַרפעסטיקט די הערשאַפט פון די נייע אינדוסטריע־באַלעבאַטים) אין יאָר 1650, זיינען געוואונט געווען צו קעמפן. אין דעם נייעם לאַנד האָבן זיי נאָך אויך געטראָפן דעם ענגלישן פּאָרעץ: אַ סאַך שאַכטן אין פּענסילווייניע האָבן דעמאָלט געהערט צו ענגלישע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געצויגן פּראָפיטן, זיצנדיק אין לאָנדאָן. דאָ זיינען געזעסן געדונגענע אויפזעער. אָבער דאָ אין לאַנד איז דער קאַמף ניט געווען צווישן ענגלענדער און אירלענדער, נאָר צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט.

אַז מען האָט געדאַרפט צעברעכן דעם קאַמף פון די אַרבעטער, האָבן געדונגענע שפּיאָנען און פינקערטאָן־דעטעקטיוון צוגעגרייט פאַרברעכנס; די קוילן־באַראָנען האָבן צוגעגרייט פאַרברעכער (קעמפּער און סטרייקער), דאָס באַסישע געזעץ האָט צוגעגרייט טליעס און שטריק.

מאָרדן זיינען טאָקע פאָרגעקומען דעמאָלט אַ סאַך אין פּענסילווייניע.

אומוויסנדיקע, פאַרצוווייפלטע, פאַרביטערטע, ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, האָבן אויסגעלאָזן זייער צאָרן צו פאַרהאַסטע „סופּערס", פאָרלייט און בייזע אויפזעער. אַ סאַך אַרבעטער זיינען אָנגעהעצט געוואָרן צו מאָרד דורך געדונגענע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס. אָבער אָרגאַניזירטע אַרבעטער האַלטן ניט פון מאָרדן. זיי רופן צו אַ מאַסן־קאַמף: מאַסן־סטרייקס, מאַסן־פּיקעטס, פאַרטיידיקן זיך צוזאַמען קעגן אָנפאַלן. די אַלע פאַרמישפּעטע זיינען געווען אָרגאַניזירטע אַרבעטער. זייער אָרדן האָט געהאַלטן פון קאַמף, אָבער ניט פון מאָרד. מיט דער הילף פון געקויפטע אייד׳עס זיינען די פאַר־ברעכנס אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף זייערע קעפּ; ווייל צוליב זייער קאַמף האָבן די באַלעבאַטים געפאָדערט זייערע קעפּ.

אַזוי טוען באַלעבאַטים אַלעמאָל: סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען אַרעס־טירט געוואָרן, ניט ווי קעמפער, נאָר ווי מערדער און רויבער. מוני און בילינגס זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן, ניט פאַר זייער יוניאָן־אַרבעט, נאָר פאַר טויטן מיט אַ באָמבע אומשולדיקע מענטשן. די הײמאַרקעט־מאַרטירער זיינען געשטאָרבן, ניט פאַרן קאַמף פאַרן אַכט־שאָאיקן טאָג, נאָר פאַר אָנ־העצן אַרבעטער צו וואַרפן באָמבעס. ניט נאָר נעמען זיי צו די לעבנס פון אַרבעטער־קעמפער, נאָר זיי ווילן באַשמוצן זייער אָנדענק, אַוועקנעמען פון זיי זייער העלדישקייט, אַפילו נאָכן טויט.

איצט פאַרשטייען די אַרבעטער מער, פאַרשטייען אַ סאַך — ווער ס׳איז געווען סאַקאָ און וואַנזעטי, מוני און בילינגס, די צענטראַליע אַרעסטירטע; אָבער אין יענע יאָרן האָט זיך די באַלעבאַטים איינגעגעבן צו פאַרפלעקן דעם נאָמען פון די מאָלי מעגווייערס, איינרעדן די מענטשן, אַז מען האָט אויפגעהאַנגען אַ באַנדע רויבער און האַלדז־שנײדער, און דאָס אַלץ. זייערע קערפּער האָבן געפוילט אין די קוואָרים און זייער נאָמען איז אַרומגעגאַנגען איבערן לאַנד, פאַרטונקלט און פאַרשמוצט.

דער ערשטער, וועלכער האָט זיי אַריינגענומען אין דעם רעכענונג פון אַרבעטער־העלדן און מאַרטירער, איז געווען דער פאַרשטאָרבענער אַרבעטער־פירער, יודזשין וויקטאָר דעבס.

ער האָט וועגן זיי געשריבן אַזוי:

„ניט לאַנג צוריק בין איך געשטאַנען אין פּאָטסווילער טפיסע, אויף דעם פּלאַץ, וואו זעקס מאָלי־מעגווייערס זיינען געהאַנגען געוואָרן, און איך האָב זיך דערמאָנט אויף זייער מאַרטירער־טויט.

„אין דעם טאָג פון זייער טויט, איז גערעכטיקייט צעטראָטן גע־וואָרן. דאָס ליכטיקע פּנים פון עמעס איז באַדעקט געוואָרן מיט דער שוואַרצער מאַסקע פון פאַלשקייט.

„דרייסיק יאָר האָט מען געלאָזט ווענן זיי. אָבער דער עמעס וועט זיגן; ס'וועט קומען די צייט, ווען די נעמען פון די מאַרטירער וועלן ריין ווערן פון דער בלאָטע, אין וועלכער זיי זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן.

„די מענטשן, וועלכע זיינען געשטאָרבן אויף דעם שטריק, ווי פאַרברעכער, זיינען געווען אַרבעטער־פירער. די ערשטע מאַרטירער אין די פאַראייניקטע שטאַטן."

גאַוען, דער קוילן־פּרעזידענט און געריכט־אָנקלעגער, איז נאָכדעם באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. וואָס ווייס? עפּשער האָבן אים זיינע בייזע פאַרברעכנס און דאָס אומשולדיקע בלוט ניט געלאָזט רוען? עפּשער האָט אים געביסן זיין גרויסער דורכפאַל: נאָך אַלע טליעס און טויט־שטראָפן, איז דער אַרבעטער־קאַמף נאָך אַלץ ניט געווען טויט.

אין דעמזעלביקן יאָר, 1877, ווען די מאָלי מעגוויירס זיינען געגאַנגען צו דער טליע, האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער גרויסער באַן־סטרייק. דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן אין וועסט־ווירדזשיניע, און פון דאָרטן, ווי אַ וואַלד־פייער, זיך איבערגעטראָגן קיין פּענסילווייניע, און נאָכדעם ווייטער און ווייטער איבערן גאַנצן לאַנד. די שטאָט סעינט־לואיס איז אַ וואָך צייט געווען אין אַרבעטער־הענט. אין פּיטסבורג (טאַקע ניט ווייט פון די קוואַרים פון די אויפגעהאַנגענע מעגווייערס) זיינען פאָרגעקומען גאַסן־שלאַכטן צווישן אַרבעטער און פּאָליציי. די שטאַט־סאָלדאַטן זיינען אַריבערגעגאַנגען צו די אַרבעטער. דער גאָווערנאָר האָט געשיקט סאָלדאַטן. האָבן זיי די אַרבעטער באַזיגט און פאַרטריבן פון שטאָט.

דער גייסט פון די מאָלי מעגווייערס איז געווען צווישן יענע אַרבעטער. ער איז אויך געווען צווישן די אַרבעטער, אין יאָר 1886, ווען זיי זיינען אַרויס אין קאַמף פאַרן אַכט־שאָאיקן אַרבעטס־טאָג. אין קענטאָקי — וואו העררי סימס איז דערשאָסן געוואָרן. אין גאַסטאָניע, וואו די אַרבעטער האָבן געהאַט אַ זעלבסט־שוץ; אין יעדן אַרבעטער־קאַמף.

עס לעבט נאָך דער אַלטער קריג־רוף פון די סטרייקער פון יאָר 1775:

— זעט! זעט! די מיינערס מאַרשירן!

זייער גייסט וועט זיין צווישן די אַרבעטער, אין דעם לעצטן טאָג פון קאַמף און זיג. די אַרבעטער וועלן דעמאָלט מיט פרייד קענען זאָגן:

— אונדזערע אַלע קאָרבאָנעס זיינען ניט געווען אומזיסט.

און צווישן אַלע קאָרבאָנעס:

— די דערוואָרגענע, באַשמוצטע, העלדישע מאָלי מעגווייערס!

פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע ביכער:

מענדעלע מוכר ספרים (1936—1836)

פון א. ראָזנצווייג. 48 זייטן, פיין אילוסטרירט. פרייז 15 סענט.

סאָציאַלע פאַרזיכערונג

(אין אַמעריקע און אַנדערע קאַפּי-טאַליסטישע לענדער און אין סאָ-וועטן-פאַרבאַנד), פון ש. אַלמאַזאָוו. 96 זייטן. פרייז 40 ס. פאַר אָרדן-ברענטשעס 15 סענט.

קאַפּיטאַליזם — סאָציאַליזם — קאָמוניזם

אַ קורס פון 15 לעקציעס. 96 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר מיטגלידער פון א. אַ. אָ. — 25 סענט.

רעוואָלט-מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע

פון י. סולטאַן. 128 זייטן. פרייז 50 סענט. פאַר אונדזערע מיט-גלידער — 30 סענט.

פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם

פון ב. נאָוויק. 153 זייטן. פרייז 50 ס. פאַר אָרדן-ברענטשעס 25 ס.

די שול פאַר אייער קינד

פון ר. זאַלצמאַן. 40 זייטן, מיט בילדער און דיאַגראַמען. פרייז 5 ס.

קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום

פון קלמן מרמר. 432 זייטן. פרייז $2.00. פאַר אָרדן-ברענטשעס $1.00.

מאַרקסיסטישע שטודיר-קורסן

1. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָ-לוציע.
2. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד און דער טשאַר-טיזם.
3. די רעוואָלוציע פון 1848 אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך.
4. די פּאַריזער קאָמונע.
5. די אַרבעטער-באַוועגונג אין ענג-לאַנד פאַרן וועלט-קריג.
6. עקאָנאָמישע קריזיסן (ערשטער טייל) 48 זייטן.

פרייז 15 סענט אַ לעקציע. פאַר אָרדן-מיטגלידער — 10 סענט

די געשיכטע פון אַמעריקאַנער אַרבעטער-קלאַס

פון מלך עפּשטיין. 1,000 זייטן, 2 בענדער. פרייז 5 דאָלאַר. פאַר מיט-גלידער פון אָרדן בלויז $2.50.

ווער דערלאָזט ניט צו אַ פאַראייניקטן פראָנט קעגן פאַשיזם אין דייטשלאַנד?

פרייז 2 סענט.

די נעגער אין אַמעריקע

פון דאַוויד סיגל. 128 זייטן. פרייז 70 סענט. פאַר ברענטשעס פון אָרדן — 35 סענט.

פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

שיינע ליטעראַטור:

„מיט געזאַנג צום קאַמף“

פרייז $1.00. פאַר מיטגלידער פון א. אַ. אָ. — 45 סענט.

רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַטאָר

צוזאַמענגעשטעלט פון קלמן מרמר און וויליאַם אייבראַמס. 336 זייטן. פרייז $1.25. פאַר מיטגלידער פון אָרדן — 75 סענט.

פאַר וועמען האָט הײמים טאַטע געשטימט?

פון מ. שיפרים. פרייז 2 פאַר 5 ס.

די קינדער פון טשערי סטריט

פון כאַוועט פּאַוער. פרייז 3 ס.

וואו איז דיין טאַטע אין אַזאַ שפּעטער שעה?

פון כאַוועט פּאַוער. פרייז 2 ס.

לענין ווייזט דעם וועג

פון מ. שיפרים. פרייז 3 ס.

„די ניין ברידער“

פון א. ראַבאָי. 320 זייטן. $1.50 פאַר אָרדן ברענטשעס.

די רעוואָלוציע וועט קומען

פון מ. שיפרים. פרייז 3 ס.

פון יענער זייט טייך

(אַ מייסע) פון כאַוועט פּאַוער. פרייז 75 ס. פאַר שולן 40 ס.

טאָם מוני

פון א. מייזל. פרייז 5 ס.

קלאַראַ צעטקין

פון י. א. ראָנטש. פרייז 5 ס.

סטיוו קאַטאָוועס

פון י. א. ראָנטש. פרייז 5 ס.

טשאַרלס רוטנבערג

פון י. א. ראָנטש. פרייז 5 ס.

לאַבזיק

פון כאַוועט פּאַוער. פרייז 70 ס. פאַר אונדזערע שולן 35 ס.

שול-ביכער:

אַרבעטער-שול

פאַרן ערשטן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן. 160 זייטן, געבונדן. פרייז 50 ס. פאַר שולן — 30 ס.

פאַרן 2טן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן. 160 זייטן, געבונדן. פרייז 70 ס. פאַר שולן — 35 ס.

פאַרן דריטן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט פון ב. פרידמאַן. 192 זייטן, געבונדן. פרייז 80 ס. פאַר שולן — 40 ס.

פאַרן פערטן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט פון נ. קאַמענעצקי און מ. שיפרים. 208 זייטן, געבונדן. פרייז $1.00. פאַר שולן — 50 ס.

„א י ד י ש“

אַרבעט-בוך אַף שפּראַך, פון א. בערגמאַן און א. גאָלדבערג. פרייז 35 סענט.

INTERNATIONAL WORKERS ORDER, INC.

80 Fifth Avenue — New York, N. Y.